STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02640

# ONHOYBN

Nachman Mayzel

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דערשינען אין פינף הונדערט עגזעמפּלאַרן

נומער ........35........

נחמן מייזיל: אָנהויבן — דוד בערגעלסאָן

נחמן מייזיל

# אָנהויבן

## דוד בערגעלסאָן

בית נחמן מייזיל
קיבוץ אלונים

צוגעגרייט צום דרוק: דב מיזל

★

דערשיינט מיט דער מיטהילף
פון עטיע און מיטיע מליכסון

★

„בעמערקונגען פון אַ לעזער" —
אַ פאָטאָגראַפישע פאַקסימיליע פון אַרטיקל
געדרוקט אין ערשטן בוך „אידישער אַלמאַנאַך"
(געפינט זיך אין בית נחמן מייזיל, קיבוץ אלונים).

★

אַ גענויע פאָטאָגראַפישע פאַקסימיליע פון
„וועגען בערגעלסאָנ'ס ,נאָך אַלעמען' "
וואָס געפינט זיך אין בית הספרים הלאומי
והאוניברסיטאי ירושלים

דפוס אחדות ● תשל"ז — 1977

כמנהגנו — מוציאים אנו גם השנה מפרי עטו של נחמן מייזיל ז״ל.

השנה, במסגרת „ההתחלות״, מגישים אנו את ספרונו „וועגן בערגעלסאָנ׳ס ,נאָך אַלעמען׳ ״ („,אחרי ככלות הכל׳ לדוד ברגלסון״). הספרון יצא לאור בקיוב בשנת 1913, מיד לאחר הופעת ספרו של דוד ברגלסון, ולפי עדותו של נחמן מייזיל (במאמרו ב„על המשמר״ בשנת 1963, המתפרסם כאן) : „זה היה ספר־ביקורת מקורי ראשון שלי״.

הקדמנו לספרון זה מאמרו „באַמערקונגען פון אַ לעזער״ („הערות של קורא״), הדן גם הוא ביצירתו של דוד ברגלסון ורשימתו „דוד בערגעלסאָן — קאַפּיטלען פון אַ בוך״. הוספנו קטעי זכרונות של בת־אחותו של דוד ברגלסון, דבורה כורול, הקשורים במשפחות ורשבסקי־מיזל־ברגלסון.

נחמן מייזיל כתב רבות על דוד ברגלסון — והדברים נתפרסמו בספרים, כתבי־עת ועתונים — אך החלטנו להעלות רק תקופה ראשונה זו. אולי מן הראוי היה לגמור את המעגל בזעקתו הנואשת לפני חצי יובל שנים, הראשונה והרמה, הקוראת ושואלת לגורל התרבות היהודית, הסופרים והאמנים היהודיים בברית המועצות — — —

ז׳ באייר תשל״ז

# על „אחרי ככלות הכל" לדוד ברגלסון

כיצד הגיע דוד ברגלסון אל הרומן „אחרי ככלות הכול" ומה המקום שיצירה זו תפסה מלכתחילה בעולמו האמנותי של ברגלסון ?

„אחרי ככלות הכול" היווה שלב טבעי, ישר וחוקי בהתפתחותו של ברגלסון כיוצר. הוא עצמו, כשבא לקיוב בהיותו בחור צעיר, הרי כבר היה עמוס התרחשויות, מאבקים ופגעי-חיים שקרהו בקרב משפחתו עתירת-הגוונים והמסועפת: אבות ובנים, כלות וחתנים, מחותנים משלל סוגים, אמידים, עשירים ויורדים. בקיוב נקלע פתאום למשפחה מסועפת עוד יותר, עשירה לאין-ערוך, שידעה לשמור בעיר-התעשייה הגדולה, המתפתחת בתנופה, את אורח-חייה המסורתי המיוחד. ברגלסון מיהר להתערות במשפחת וארשאווסקי שבעיר קיוב, סיגל לעצמו במהותם את קווי-אופייה החיצוניים והפנימיים, צפה ואף השתתף בשמחותיהם ובטראגדיות של חיי בעלי-הנכסים היהודים בשנים שלאחר מהפכת 1905—1906.

כשם ששלום-עליכם העביר לעיתים קרובות ליהופיץ ושתל בה טיפוסים ודמויות שגדלו בכתריאלווקה ובמאזפווקה שלו, כך ממש נטל דוד ברגלסון טיפוסים מן העיירה הקטנה, מן הסימטה הסמוכה לבית-הנתיבות, והסיע אותם אל הכרך, ושם קבע אותם בתוך סביבתה ואווירתה של העיר הגדולה. ואגב, משמשות העיר והעיירה בערבוביה בתוך „אחרי ככלות הכול", לכל אורך הרומן, כאילו עדיין היה דוד ברגלסון עצמו שרוי על הגבול שבין העיירה והעיר.

יש עניין בהשוואה מרחיקה-לכת בין שתי יצירות אלה: „מסביב לבית-הנתיבות" ו„אחרי ככלות הכול", שאין ביניהן אלא פרק-זמן של שלוש שנים. נוכל לראות עד כמה רחב יותר הספר השני, מקיף יותר, מסועף יותר וקשת-צבעיו עשיר יותר. „מסביב לבית-הנתיבות" מלוכד יותר ודומה שכאילו הוא משובץ במסגרת מצומצמת. לפיכך, הוא גם שלם יותר, מרוכז ועשוי מקשה אחת. ואולי, מפאת ערכו האמנותי עלה יפה יותר, הואיל והוא מוצק ומלא-עוצמה, ולא צמיגי, ולעיתים גם נזיל, כפי שמתגלה „אחרי ככלות הכול". באותם 70—75 עמודים שברומן הראשון מוצג לפנינו מספר-אנשים מוגבל וגם מעגל חייהם מוגבל בקורותיהם ובמאהאחד דומה לחברו, והמון מאורעות, מקרים. הכול מסתובב סביב נקודה אחת, נקודת-המרכז — בינוש רובינשטיין ואברהם-צ'יק ואשתו קלארה. שונה בתכלית הוא הרומן „אחרי ככלות הכול": עולם ומלואו, ובתוך עולם זה עולמות בזעיר-אנפין, שאין מקרים, סיכסוכים רוחשים בהם, מהם מושכים ומהם דוחים ביחסי הגומלין שלהם, ומספר הדמויות עצום, דמו-

יות חיוביות ודמויות שליליות, פעילות וסבילות.

ואם כי החיים והמאורעות משרכים את דרכם לאיטם, בעצלתיים יתר-על-המידה, אין העלילה חסרה ואנו עדים להתפתחות דרמאתית.

מירלה הורוויץ היא המשכה של קלארה (הדמות שב„מסביב לבית-הנתיבות") והיא מזיגה של שתי נערות, של שתי נשים, ששתיהם קרובות היו לנפשנו בכתביו הקודמים של ברגלסון. בכותבו את „לאחר ככלות הכול" הן עמדו לנגד עיניו, והוא שילב לתוך סיפור-המעשה התרחשויות וקווים מתיאור אופיין וממאורעות חייהן. וגם כאן — תערובת של חיי עיירה והווי-עיר. מרחק רב עברה קלארה עד היותה למירלה. הספירה, האווירה עשירה ומעודנת יותר, והיא רוויה מאורעות, מאבקים והתנגשויות בחומר וברוח, ניגודים וסיכסוכים. בדרך כלל, מירלה מסובכת יותר, מאורעותיה מציגים ומציירים אותה כשהיא עשירה יותר מבחינה רוחנית. התמורות שבנפשה פנימה, תגובות מזגה, דיבוריה כלאחר-יד, עמדתה לגבי מקרים שונים, יחסיה הבלתי-יציבים אל הבריות — בין קרובים בין רחוקים — הכול נובע כאילו בהיסח הדעת, באקראי, מן הצד, אך בעוז ומעניין, ובצורה מיוחדת במינה.

דוד ברגלסון משמש בגופו דוגמה ומופת לדבריו שלו, בבואו לומר את שבחו של שלום-עליכם: „...כל שורה שיצאה מתחת ידו, כאילו משמיעה לו לקורא את דעתו של שלום-עליכם: ,אותו אדם שאני נטפל לו, יש בו כל אותם גוונים וקווים שתיאור אופיו זקוק להם. ועל-מנת להצילו מכל תוספת ספרותית שפגיעתה רעה, הריני נותן לו שידבר בעצמו'" עלה בידו של ברגלסון ב„לאחר ככלות הכול" להוכיח כי שולט הוא באמנות זו, לתת לעשרות הדמויות השונות „לדבר בעצמן", ולעיתים, בלי פיקוחו והדרכתו של המחבר.

הוא הכניס לרומן זה פרטי-חיים לרוב. לא אחת קורה והוא חוזר פעם שנייה ושלישית על קווי-אופיעל תכונות של דמויותיו. נ.ו. גוגול אמר פעם, כי אם באת לכתוב על בני-אדם „זקוק אתה לכל אותם פרטים ופרטי-פרטים לאין ספור, המלמדים אותנו כי האדם המתואר היה קיים באמת ובתמים. אחרת, יהיה דומה כאילו בדה אותו הסופר מליבו" והוא הוסיף: „אם לא העליתי חרכ בידי, הרי זה משום שמציתי נושאים מן המציאות ומתוך דברים שהיו ידועים לי לאשורם. אם בדיתי אדם מליבי ונתתי את דעתי עליו, עשיתי זאת רק כשהיו נהירין לי כל פרטיו כל הדברים של מה-בכך שבהווייתו החיצונית".

והוא הדין עם ברגלסון. מתוך זוטות ופרטים, מתוך קווים בודדים, הוא יוצר ובונה את הדמות.

יש עניין בכך שהקורא יידע כי בשעה שברגלסון היה כותב יצירת זו, פרק-פרק, הרגשנו הרגשה של ממש כיצד הבריות שמסביבו חיים, כיצד הם מקיפים אותו מכל עבר. הוא היה נוהג לבוא מדי-פעם ומודיע על פרטים חדשים שאירעו להם. וכך היה אומר: הידעת, מירלה חוזרת, למרות הכול! מירלה שוב בביתה של המיילדת שץ! מתברר, שהרץ יבוא לזמן מה...

האנשים, המקרים, ההתנגשויות, הסתירות — הכל צומח מתוך המציאות, קשורים הם בהתרחשויות ותופעות ממשיות ובמקום העלילה. רבים מבין הטיפוסים והדמויות המתוארים בספר היו יודעים לי, וכאשר קראתי

את הדפים שאך זה עתה הועלת עליהם הכתב, היתה לי ההרגשה שהוא העביר לתוך יצירתו, מתוך הסביבה הריאלית, אנשים חיים, שלי־בם מפרפר בהם ללא חשך.

אולי היה מעניין הדבר, אילו עקב־נו אחרי התפתחות היצירה, פרק אח־רי פרק, סצינה אחרי סצינה, אפיזודה אחרי אפיזודה ואילו הצבענו על הפרוטו־טיפוסים של הדמויות המופי־עות בספר בשלל תיאוריהם המפו־רטים, ועל כל הנפשות הפועלות בתוך הרומן של ברגלסון: הרי הכרתי את כולם מקרוב. הייתי מתעכב ביחוד על הרץ „המשורר העברי" אשר „פניו מחייכים, אך בעת ובעונה אחת אתה רואה חיוך בברק עיניו הירוקות, המשובצות עמוק בתוך חוריהן", „בן־אדם שקומתו גבוהה ושער ראשו בהיר וקצר", „הוא משרה על סביבתו מצב־רוח מרומם ואווירת עיון מעמיק". כל מי שהכיר את אורי ניסן גנסין, מזהה אותו בסצינות המעניינות וההולמות אותו יפה, המתארות את שתיקתו ואת התנהגותו של הרץ.

הרומן „אחרי ככלות הכול", השו־פע חיים רבגוניים, רבצדדיים ועשי־רים, היה בשעתו מיפגן של קבוצת הסופרים שישבה בקיוב: היא דרשה הרחבת תחומיה של הספרות האי־דית, והטיפה לכך נמרצות.

במאסף הראשון „מפרק לפרק" (1911) — בו נדפס החלק הראשון של הרומן — הופיע מאמרי „תרעו־מת מוצדקת" המבטא את תבעותינו לגבי הספרות היהודית מאותם הימים, ואת נימוקינו באותו מאבק ספרותי.

לאחר שציינתי את מגרעותיהם של „הכתבים" השונים, סיכמתי כך: „עתה חייבת לצמוח היצירה שתהיה הסיפור הגדול. עליה להקיף היקף רחב־ידיים ובצורה מעניינת את החיים של היהו־דים, ולתת בתיאור רב־כשרון של דרך־חיים עשיר ומרובי־פנים בעלי־לה מרתקת ובעלת מתח" (עמוד 28). לא הצבעתי במאמרי על יצירתו הח־דשה של ברגלסון, אבל ברור היה לכול למה אני מתכוון.

זכורני שיחה עם משה ליטוואקוב, שבא אז מפאריס לקיוב: הרציתי לפניו את פרשת תביעותינו מן הספ־רות, והתוויתי — בקווים כוללים ומעורפלים למדי — את דרכה של היצירה היהודית החדשה. הוא האזין לדברי, כשחיוך אירוני מסתמן על פניו. מכל מקום, על הרומן של ברגל־סון הוטל התפקיד להיות ההתחלה, הבשורה לאתגר הגדול שיצא מטעם קבוצת הסופרים שבעיר קיוב, אותה קבוצה שברגלסון היה בראשה ובמר־כזה.

בתנאים אלה קיבלנו את פני הרומן החדש — שהופיע לפני 50 שנה — וזאת היתה תפיסתנו עליו: הוא בא לעולם בשנת 1913, בהוצאת־הספרים קלצקין בווילנה, לאחר שבסביבתנו הרה אותו מחברו ובקרבנו טיפח אותו ויגדלהו.

מיד לאחר הופעת הרומן, פירסמתי ספרון בן 54 עמודים: ‚לאחר ככלות הכול' לדוד ברגלסון" (קיוב, 1913). אגב, זה היה ספר־ביקורת מקורי רא־שון שלי.

וכך כתבתי שם: „אנו ניגשים לרומן של ברגלסון כשם שהמחבר עצמו ניגש אליו ויצר אותו. ועוד: אין ‚לאחר ככלות הכול' ספר גרידא, הוא יותר מספר. יש בו מה שאין בספר, מה שלא ניתן לדחוס בין שערי ספר... בשביל ברגלסון עצמו לא הפך ‚לאחר ככלות הכול' להיות ספר אלא בהגיעו אל עמודיו האח־רונים... אנו נעשים שותפים למעשה היצירה של החיים המתוארים, והננו

יכולים להעיד את עדותנו — כמונו כמחבר — על כל מה שמתרחש עם הדמויות ההן, והרשות והכוח בידנו לטוות הלאה את חוט העלילה, הו-דות לציור שניתן לנו עליהן...״ (עמ׳ 48).

ואלה השורות האחרונות בספרוני הנלהב :

„...זהו הסוד של היצירה האמיתית: מתוך חומר של החיים הרגילים נוצר משהו בלתי-רגיל, מופלא. בתוך הדבר הזעיר, הבלתי-חשוב, מקופל המעשה הגדול, הנשגב; יחד עם ההתרחשויות אנו שומעים גם את הדיהם, יחד עם האנשים — מופי-עים גם צלליהם. כל מעשה — הדו בצידו, והדומם פותח בדיבור. מצי-אות והדים, התרחשויות וצללים — הכול משמש בערבוביה... ושוב אין איננו מבחינה בין מה שהוא מקרי ובין מה שהוא קיים ועומד לדור-דור ; בין מה שהוא ממשי ובין מה שהוא סמלי . . . ״ (עמוד 54).

„על המשמר", 1965

# דוד בערגעלסאָן

(קאַפּיטלען פון אַ בוך)

געווען איז עס אין איינער פון די בערגעלסאָנישע יידישע שטעט אין פֿאָדאָליע, אין דער קליינער שטאָט לעטיטשעוו, וואו בערגעלסאָן האָט אַמאָל, אַרום 1912—1913, אָפּגעוואוינט אַ זומער, און מיט אַ באַזונדערער פלייס געאַרבעט אויף אַ ניי גרויס ווערק. ער האָט אין משך פון אַ פּאָר וואָכן אָנגעשריבן עטלעכע גרויסע קאַפּיטלען, און געווען איז ביי אים די באַדערפעניש צו טיילן זיך מיט אַ נאָענטן מענטשן מיט די ניי־געשאַפענע בילדער און געשטאַלטן. בין איך דאַן אַראָפּגעפאָרן צו אים פון קיעוו, — אַ מהלך פון 8 שעה מיט דער באַן, און אַ פּאָר שעה דערנאָך מיט דער פור פון דער סטאַנציע דעראַזשנע — מיט אַ געמיט און האַרץ, ווי אַ פאַרליבטער חתן פאָרט צו זיין הייס־געליבטער כלה. האָט מען זיך האַרציק באַגעגנט אויף דער סטאַנציע, זיך געטרייסלט דערנאָך אין אַ פאַעטאָן איבער די שיינע פֿאָדאָליער בערגלדיקע וועגן און פאַרפאָרן פרייטיק־פאַרנאַכט אין דעם באַגאָרטנדיקן לעטיטשעוו. יידן זיינען הרחבה־דיק און לייטיש געגאַנגען מקבל־שבת זיין, און מיר ביידע האָבן אויך מיט אַ פולן שבת אין האַרצן געאיילט צו דעם שטיבל, וואו עס האָבן אויף אונדז געוואַרט די פרישע, ניי־אָנגעשריבענע קאַפּיטלעך פון דעם נייעם ווערק. מיט אויפגערעגטן אינטערעס און נייגיר זיינען מיר גלייך ביידע געזעסן עטלעכע שעה איבער די געדיכט־אָנגעפּיקעוועטע זייטלעך, זיך נישט געקאָנט געזעטיקן פון די אַלע נייע אייגנאַרטיקע בילדער, וועלכע ער האָט פאַר דער קורצער צייט מיט אַזאַ שפע אַרויסגעבראַכט. איז מען געווען ביידע איבערגליקלעך פון דעם נייעם אוצר, וואָס איז צוגעקומען צו דעם פריערדיקן פאַרמעגן און ביידע האָבן מיר דערנאָך אין די בעטן אַלץ גערעדט און ווידער גערעדט גליקלעך־צופרידענע פון דעם עשירות, און אַזוי, ערשט ביים באַגינען איינגעשלאָפן.

און איז עס געווען וואָר אָדער חלום? אין גליקלעך־זאַטן שלאָף האָבן זיך דערטראָגן וואונדערבאַרע מוזיק־קלאַנגען. זיי האָבן זיך דערנענטערט, געוואָרן אַלץ שטאַרקער און הילכיקער, און דערנאָך צוביסלעך געוואָרן שטילער, שטיל, ביז זיי האָבן זיך אין ווייטער ווייטקייט איבערגעריסן. וואָס איז עס געווען? אַ מיליטער־עשאַלאָן מיט זיין אָרקעסטער איז אַדורך דעם שטעטל אויף „מאַניעווורעס", און אין דעם אויפגייענדיקן

פרימאַרגן געשפּילט עפּעס האַרץ־דירנדיקס. האָבן מיר זיך ביידע אויפ־געכאַפּט, צוגעלאָפן האַלב פאַרשלאָפענע צום אָפענעם פענצטער, וואָס איז געווען פאַרוואַקסן מיט פרישע צעעפנטע בונטע בלומען, און זיך דור־שטיק איינגעהערט אין די וואונדערבאַרע טענער פון דער מוזיק. גליקלעך און אויפגערעגט איז געווען דאָס האַרץ, און געפילט האָט מען דאַן אַ מין אויסטערלישע, וואונדערבאַרע מתיקות און באַ'טעמ'טקייט אין אָט דער מעלאָדיע. און אויך שפּעטער, און ביז אויף היינט צו טאָג, ווען מען דער־מאָנט זיך אָן יענעם האַלב־חלומדיקן פרימאַרגן און אָן יענעם וואונדער־באַרן שפּילן, דוכט זיך, אַז אַזאַ מין מעלאָדיע הערט מען נאָר איין מאָל אין לעבן און מער קיינמאָל נישט.

אָט אַזעלכע וואונדערבאַרע אויסטערלישע מאָמענטן, וואָס קאָנען זיך קיינמאָל מער נישט איבערחזרן, זיינען געווען פיל אין אונזער פיל־יאָרנ־דיקן צוזאַמענלעבן מיט דוד בערגעלסאָן — ביז צום „אַרום וואָקזאַל״, און דערנאָך פונעם „אַרום וואָקזאַל״ ביז צום „נאָך אַלעמען״ און העט־ווייט ביזן „אָפּגאַנג״, און אויך שפּעטער, אין די צייטן פון „וועלט־אויס וועלט־איין״ און „מידת הדין״.

זאָלן דאָ געבראַכט ווערן איינצלנע, אָפּגעריסענע שטיקלעך־דערינע־רונגען.

***

פאַרלאָזן האָט בערגעלסאָן זיין קליינשטעטל אַכרימאָווקע נאָך גאָר אַ יונגערמאַן, אָבער אַ שווער־אָנגעלאָדענער מיט יידישער און אַלגעמיינער קולטור, מיט אייגענע פּערזענלעכע פּאַרטיפטע איבערלעבונגען און מיט אַ רייכן אוצר פון געזען־און־געהערטע כלערליי יידישע פאַרשוינען. געווען איז ער ביי זיין רייכן פאָטער, דער גרויסער וואַלד־און־תבואה־סוחר, אַ מעזיניק. אַמאָל האָט אין דער גרויסער, רוישנדיקער שטוב געווימלט מיט פאַרשיידנערליי פּריצים, סוחרים, מעקלער, קאָמיסיאָנערן, קאַסירערס, פּאַסעסאָרס, אויפגעקומענע און אָפּגעקומענע גבירים, וואָס האָבן זיך גע־דרייט אַרום דעם רייכן, קלוגן רפאל בערגעלסאָן. דער פאָטער איז גע־שטאָרבן, בעת דוד איז נאָך געווען אַ יונג בחורל, די שוועסטער און ברי־דער האָט מען אויסגעגעבן קיין אומאַן, לעטיטשעוו, ליפּאָוועץ, קיעוו, אין געבליבן איז ער, דאָס מעזיניקל — אַגב אַ מופת־קינד פון ר׳ דודל טאַלנער און דעריבער טראָגט ער זיין נאָמען — אַליין אין די גרויסע־גרוימע חדרים מיט זיין עלטערער, יחוסדיק־איידעלער און קראַנקער מוטער. אין דער גרויסער שטוב איז געווען ווי נאָך אַ פריילעך־טומלדיקער חתונה, ווען אַלע מחותנים זיינען זיך צעפאָרן. אָפּגעשטאָרבענע קלאַנגען, אָפּהילכן פון אַמאָ־ליקן געטומל. שטילע טריט אין אויסגעליידיקטע גרויסע צימערן, געדיכ־טע פאָרהאַנגען, וואָס דערציילן וועגן אַ געוועזענעם לעבן. אָט די נאָגנ־

דיקע שטילקייט האָט בערגעלסאָן איינגעזאַפּט אין זיך, זי איז אַ לאַנגע צייט געווען דער הויפּט־עלעמענט אין זיין ווערק און אין זיין שאַפן. און ווער נאָך, ווי ער, האָט ביי אונדז אַזוי ציטערדיק געשילדערט אָט די שטיל־אויסגייענדיקע יידישע הייזער, די שאָטנדיקע זאַלן מיט אַמאָליקער פּראַכט, דעם בין־השמשותדיקן „נאָך אַלעמען" פון משפחות, פון לעבנס, פון אַ גאַנצער שיכט אין דער יידישער וועלט.

געקומען איז בערגעלסאָן קיין קיעוו נאָך גאָר אַ יונגערמאַן, אָבער שוין מיט אַ קלוגער רייפקייט און מיט אַן אייגענעם פאַרטיפטן בליק אין לעבן און אין דענקען. נאָך אין זיין ליב שטעטעלע, אַרום זיין צאַרט־לי־בער מוטער, האָט זיך געגומען צייטיקן זיין קינסטלערישע נשמה. און דערנאָך בהדרגה איז ער געוואַקסן אין קיעוו, און געוואָרן אַלץ רייפער און פאַרטיפטער. עס איז אויסגעקומען אַלץ אַליין אַדורכצומאַכן. געווען זיינען השפעות, אָבער זיי האָבן בלויז מיטגעהאָלפן די אַנטוויקלונג אָבער נישט געריכטעט זי. די וועג־צייכנס, די ווענד־פונקטן זיינען דורכ־אויס אייגענע געווען. און דערפאַר — אַזוי אייגנאַרטיק, אַזוי סוביעקטיוו. עס זיינען נישט געווען קיין אומגעריכטע, גרינג־אָנגעקומענע איבערוואַנד־לונגען. יעדער שריט אינעם אייגענעם און אינעם געזעלשאַפטלעכן לעבן איז געווען טיף־איבערגעלעבט, טיף־אַדורכגעליטן. איז אויסגעקומען אַליין צו באַקעמפן סימפּאַטיעס און דערנעענטערן, אויפנעמען פרעמדקייטן. די קויפמאַנס, פיוניאַקעס, רובינשטיינס, זיידענאָווסקיס — די בערגעלסאָנישע טיפן, די אייגנטלעכע אַרומיקע סביבה, — האָט ער יאָרנלאַנג געהאַלטן אין איין אויסוואָרצלען פון זיך. ער האָט זיי מיט אַ באַזונדערער באַפרידיקונג געמאָלן, און דערמיט ווי באַפרייט זיך פון זיי, זיך אָפּגעשאָקלט פון זייער נאָענטקייט און ווירקונג.

געלייענט האָט ער העברייאיש, אָבער געלעבט האָט ער בעיקר, ווי די יוגנט פון רוסלאַנד, אין די גייסטרייכע וועלטן פון די גרויסע רוסישע קלאַסיקער. און ממילא איז נאַטירלעך געווען, אַז די ערשטע פּרואוון אויסצולאָדן די אינעווייניקסטע שפע, זיינען געווען אין רוסיש. די פרעמ־דע, רוסישע שפּראַך איז אים ליב, טייער, ער באַמיט זיך זי גובר זיין אין זיין שרייבן אויף אַן אייגנאַרטיקן אופן. זיין דעמאָלטיק רוסיש שרייבן האָט אויך פאַרמאָגט אַן אייגנאַרטיקן בערגעלסאָנישן כאַראַקטער. פונקט ווי ער האָט פאַרמאָגט אַן אייגנאַרטיקן, זאַפטיקן טאָן אין זיין פידל־שפּילן. קיין הילכיקע קלאַנגען, קיין לייכטע מאָטיוון האָט זיין פידל נישט גע־וואוסט. נאָר עלעגישע, מינאָרע, טיף־לירישע מעלאָדיעס האָט ער זייער אייגנאַרטיק אויסגעשפּילט — און דער עיקר — פאַמעלעך, לאַנגזאַם, צע־צויגן. די בין־השמשותדיקע זאַכן פון טשאַיקאָווסקי, קאַלייניקאָוו, גריג זיינען אים געווען באַזונדערס באַליבט, און אָט די אייניקע זאַכן האָט ער

יאָרגנלאַנג, אַלץ־טיפֿער און ציטערנדיקער געשפּילט אויף זיין פידל, מיטן פּנים צו דער וואַנט און מיט פאַרמאַכטע אויגן. און דערביי וויטיקדיק געקרעכצט און געזיפצט. און ווי נאָענט איז געווען זיין שרייבן צו זיין פידל־שפּילן. דערזעלבער טאָן, דיזעלבע קלאַנגען, און מיט אַזעלכע איי־דעלע, ציטערנדיקע ניואַנסן. קיין גרויסן רעפּערטואַר האָט ער נישט געהאַט און אין דעם זיך ניט געניטיקט. ער האָט אַרויסגעזיפצט זיין אינעווייניקסטן געמיט דורך די פּאָר קאָמפּאָזיציעס — און גענוג.

און עס קומט אַחד־העמיזם, בערדיטשעווסקי, די ערשטע פרילינגס־יאָרן פונעם נאַציאָנאַלן רענעסאַנס, מיט העברייאיש, מיט חדרים־מתוקנים. די יידישע ליטעראַטור אין יידיש האָט דאַן אין אוקראַינע קיין שטאַרקע אחיזה נישט געהאַט. זי איז נאָך דאַן בלויז געווען פאַר פשוטע מאַמעס און דינסטמיידלעך. די רוסלענדישע רעוואָלוציע פון 1905־1906 האָט נאָך ווייניק צעאַקערט דעם יידישן באָדן אין אוקראַינע פאַר אַ שטאַרקן פאַ־נאַנדערוואוקס פונעם יידישן וואָרט, פונעם יידישן שאַפן. מען געפינט זיך דעריבער מער אונטער דער גייסטיקער השפעה פון דער דעמאָלטיקער העברייאישער ליטעראַטור, מען איז אויסגעכאָוועט אין איר און מען שרייבט דעריבער העברייאיש. אַזוי בערגעלסאָן, אַזוי איך. מען האָט שוין אָבער סימפּאַטיעס פאַר די „צוימען־ברעכער", פאַר די שאַצער און איבערשעצער אין העברייאישן לאַגער. אפילו די עוואָלוציע פון אַריסטאָקראַטישן ציוניזם צו דעמאָקראַטיע, און דערנאָך פון העברייאיש צו יידיש מאַכט מען אַדורך דערווייל אין העברייאיש, און אַליין, ווייט פון דעם אַלגעמיינעם שטראָם. ס'זיינען געווען אין קיעוו קרייזן, פאַרטייען, גרופּעס, קאָמיטעטן, אָבער מען ווייס כמעט נישט פון זיי. מען איז פאַמעלעך געגאַנגען אַליין דעם אייגענעם וועג, וואָס מ'האָט אַליין אַדורכגעטראָטן. קומען דערנאָך עט־וואָס־פאַרשפּעטיקטע סימפּאַטיעס צו סאָציאַליזם. באַקומט מען מיט גאַנצע 2 יאָר נאָכן דערשיינען נחמן סירקינס בערלינער „השחר", וואו מ'געפינט אין אַ גלענצנדיקער פאָרמולירונג אייגענע שטימונגען, אייגענע געדאַנקען. איז מען איבערראַשט און באַגייסטערט. וויל מען זיך שטעלן אין דינסט פאַר אָט די אידייען, ווען די אָנפירער זיינען שוין לאַנג אַוועק ווייטער. שרייבט מען אַוועק אַ גרויסן, טיף־אַדורכגעטראַכטן העברייאישן בריוו אין דער בערלינער „השחר"־רעדאַקציע, אָבער דער אַדרעס איז שוין לאַנג ניט גילטיק, און קיין תשובה קומט נישט אָן. פּרוּווט מען געפינען אַ סינ־טעז צווישן נאַציאָנאַליזם און סאָציאַליזם און מען שלאָגט זיך לאחר־מעשה אָן אויף אַ סיימיסטישער אומלעגאַלער בראָשור, וואָס טרעפט־צו, וואָס האָט ממש אַרויסגעכאַפּט ווערטער פון מויל.

זוכענישן און עטאַפּן פון דער יידישער אינטעליגענץ צוריק מיט אַ 30 יאָר אין אַ גרויסער דרום־מערבדיקער שטאָט אין רוסלאַנד. טיפע

אַריינטראַכטעניש אין פּראָבלעמען פון יידישער ווירקלעכקייט און אַרויס־געטויכטע, גליקלעכע דערלייזונג־טרוימען. דאָס אַלץ, וואָס האָט זיך גע־לאָזט הערן אין אַ ריי ווערק פון דוד בערגעלסאָן און וועט זיך נאָך געוויס לאָזן הערן אין זיין פּאַרטיפּטן שאַפן.

מיט אַ באַזונדערן דורשט פלעגן מיר דאַן שלינגען די „תושיה"־ביכ־לעך און די „השלח"־העפטן, וואָס עס פלעגט באַקומען זיין עלטערער ברו־דער, יעקב בערגעלסאָן. אין זיין הויז אין קיעוו, וואו דוד בערגעלסאָן האָט יאָרנלאַנג געוואוינט, איז אויך געווען לכתחילה אונזער ביידנס „אַקאַ־דעמי", און דערנאָך איז דעם ברודערס געשעפטלעכער שרייב־טיש גע־ווען בערגעלסאָנס שרייבערישער וואַרשטאַט. פריער נישט־זיכער, און מיט גרעסערע הפסקות, דערנאָך שוין כסדרער און שוין מיט אַ פעסטן גלויבן פלעגט בערגעלסאָן אָפּזיצן שעה'ן און שעה'ן אויספּילן זייטל נאָך זייטל אויף די ברייטע, פּירעקעכדיקע ווייסע בויגנס. די אַרומיקע, — שוועסטער, ברידער, שוואָגערס, קרובים, — האָבן אַ צייטלאַנג הינטעראַרו־מעט שפּאָטיש געקוקט אויף דעם קלוגן דוד בערגעלסאָן, וואָס האָט זיך אַריינגענומען אַ נאַרישע „דומע" אין קאָפּ און פּטרט טעג און וואָכן און חדשים ביים שרייבן עפּעס מעשיות און דערצו גאָר אין „זשאַרגאָן". און דער אויפגעקלערטער, משכילישער, וואוילקענעווודיקער שוואָגער זיינער, שלום כאַראַל, אַ שטיק ביינוש רובינשטיין פון „אַרום וואָקזאַל", פלעגט אַזוי שטעכיק אַלעמאָל צוגעבן:

— ס'שאַדט נישט, דוד וועט זיך אויסשרייבן אַ גוטן „פּאָטשעראָק".

און דער ברודער יעקב, דער וואַלד־סוחר, פלעגט יעדעס מאָל, ווען ער האָט געטראָפן די אָנגעשריבענע זייטלעך ליגן אויפן טיש און אין די שופלאָדן, איבערחזרן מיט אַ חוזק־געלעכטער:

— ווי לאָזטו עס אָפּן אַזאַ גוטס? מען קאָן דאָך צוגנבענען אַזעל־כע טייערע אוצרות!

און אַמאָל האָט זיין ברודער זיך איינגעהאַנדלט אַ נייעם מין הענג־לאָמפּ צו זיך אין שטוב, און דערזעלבער וואוילקענעוודיקער שוואָגער, שלום כאַראַל, האָט אונדז ביידן געוויזן די קרומלעכע באַפּוצונגען אויפן לאָמפּ, און אונדז בשעת־מעשה אויספירלעך אַריינגעקנעלט מכוח דער נייער דעקאַדענטישער פאָרם, מכוח קרומע ליניעס און שטריכן. איך געדענק נאָר נישט, צי האָט ער עס גערעדט מיט ערנסט און אָפּשיי וועגן דעקאַדאַנס, אָדער מיט באַהאַלטענעם חוזק און ביטול.

דאָס איז, אגב, געווען אונדזער ערשטע באַקאַנטשאַפט מיט דער ניי־ער קונסט . . .

***

בערגעלסאָן, ווייסן אַלע, איז געקומען אין 1909 מיט זיין ערשט ווערק, מיט זיין „אַרום וואָקזאַל״, און גלייך געזיגט און גלייך דערוואָרבן זיך אַ נאָמען און אַן אָרט אין דער יידישער ליטעראַטור.

דער וועג אָבער צו אָט דעם ערשטן פאַרעפנטלעכטן ווערק איז געווען גאָר נישט אַזאַ קורצער און גליקלעכער, ווי מען מיינט. עס איז געווען אַ שווערער וועג, וואָס האָט געדויערט גוטע עטלעכע יאָר. אויך בערגעל־סאָן האָט נישט אויסגעמיטן קיין יסורים איידער ער איז אַנטפּלעקט געוואָרן.

די ערשטע זאַך, וואָס ער האָט געשיקט אין אַ רעדאַקציע, איז געווען אַ גרעסערע העברייאישע דערציילונג „ריקות״ (פּוסטקייט). עס איז געווען אַ מין „אַרום וואָקזאַל״. עס זיינען שוין געווען דאָ אייניקע טיפּן, וואָס זיינען שפּעטער אין אַ מער־פאַרגאַנצטער פאָרם געגעבן געוואָרן אין „אַרום וואָקזאַל״: אַ חברה קאָמיסיאָנערן, עלטערע און יונגע, ביי דער באַן־סטאַנציע, פּוסטקייט, ניבול־פּה און ווערטל־זאָגעריי, — אַזוי פּטרט מען טעג און יאָרן. געווען דאָ אויך אַן עקסטערן, וואָס פאַלט אַריין אין דער מעקלער־סביבה. און אָט אין איינעם אַ פאַרנאַכט, אין דעם לאַנגוויל פון דער באַן־סטאַנציע, לויפט אָן אַ צוג מיט פייערן און מיט פריידיק־הילכיקע שטימען. ס׳פאָרן דעלעגאַטן אויף דעם ציוניסטישן קאָנגרעס, לויפן זיי אַראָפּ אויף דער סטאַנציע, טראָגן אַריין אין דער פּוסטקייט אַ גע־טומל. אין די אויגן פון די וואָקזאַל־מענטשן צינדן זיך אָן קנאה־פייער־לעך. באַלד אָבער הערט מען דעם גלאָקן־קלאַנג, די דעלעגאַטן איילן זיך אין די וואַגאָנען, און דער צוג פאַרשווינדט. און ווידער פּוסטקייט . . .

די דערציילונג איז צוגעשיקט געוואָרן צו דער רעדאַקציע פונעם העב־רייאישן זשורנאַל „הזמן״, וואו די רעדאַקטאָרן זיינען געווען דוד פרישמאַן און י. בערשאַדסקי. זי איז אָבער פאַרבראַקירט געוואָרן.

איינע פון זיינע ערשטע ליטעראַרישע פּרואוון אין יידיש איז געווען אַ נאָוועלע מיטן נאָמען „בלוט״. די טעמע: אין אַ גרויסער יידישער שול (געמיינט די שניידערישע שול אין קיעוו!) קומט פאָר שבת אַ גרוי־סער ציוניסטישער צונויפקום. אַ באַקאַנטער ציוניסטישער רעדנער האַלט אַ ציוניסטישע דרשה. בעתן מיטן רעדן טוט מען אַ וואָרף אַ פּעקל פּראָ־קלאַמאַציעס פון אויבן, פון דער ווייבערישער שול. מען האָט דערביי די טירן פאַרמאַכט, געוואָלט אַרויסשטעלן אַ רעוואָלוציאָנערן רעדנער, וואָס זאָל אַרויסטרעטן קעגן דעם ציוניסטישן מטיף. ווערט אַ געטומל, אַ פּאַ־ניק, — שפּרינגט מען דורך די פענצטער אין דרויסן אַרויס, דער ציוניס־טישער רעדנער באַקומט דערביי אַ האַרץ־אַטאַק, און עס ווייזט זיך בלוט. און דאָס טשעקאַווסטע דערביי איז, וואָס די רעוואָלוציאָנערקע, וואָס האָט אָנגעפירט מיט אָט דער גאַנצער אַרבעט, איז געווען דעם רעדנערס טאָכ־טער. זי האָט עס גורם געווען צו בלוט פון איר טאַטן. און אין דרויסן,

בעת מעשה, שפּרינגט אַרויף אַ רעוואָלוציאָנער און האַלט פאַרן עולם אַ פייערדיקע רעוואָלוציאָנערע דרשה.

אַ צווייטע דערציילונג האָט בערגעלסאָן געהאַט אָנגעשריבן, וואָס איז שוין געווען פיל רייפער און אייגנאַרטיקער אין דעם אופן פון שרייבן, — אַ מעשה, ווי איינער אַ יונגערמאַן קומט צוריק פון „סלוזשבע" און טרעפט זיין ווייב אַ קראַנקע. אויף וויפיל איך געדענק, איז אין אָט דער דערציילונג געווען עפּעס פון שניצלערס סוזשעט „שטערבען", זי האָט פאַרמאָגט אינטערעסאַנטע שטייגער־שטריכן. אָט די נאָוועלע איז געשיקט געוואָרן אין די „ליטעראַרישע מאָנאַטסשריפטן", וואָס איז דערשינען דאָן אין ווילנע, און גאָרנישט — קיין תשובה איז נישט געקומען. מיר האָבן שוין דאַן געלייענט ערנסט דעם זשורנאַל, און ביי זיך אַרויסגעפונען, אַז אייניקע זאַכן, וואָס זיינען דאָרט געדרוקט געוואָרן, זיינען שוואַכער פון דער בערגעלסאָן־דערציילונג, וועלכע האָט אפילו נישט זוכה געווען צו אַ תשובה פון דער רעדאַקציע.

דערנאָך איז געווען אַ מעשה מיט אַ דערציילונג „די דריטע", וואָס דוד בערגעלסאָן האָט אָנגעשריבן מיט אימפּעט און מיט ערנסט, געאַרבעט אויף איר שוין ווי אַ רייפער שרייבער. ער האָט די דערציילונג געבראַכט צו ר׳ מרדכילען, דער רעדאַקטאָר פון דעם טאָגבלאַט אין קיעוו „דאָס פאָלק". ר׳ מרדכילען איז די דערציילונג שטאַרק געפעלן געוואָרן, אָבער ער האָט געוואָלט, אַז דער יונגער, אומבאַקאָנטער דאַן בערגעלסאָן זאָל דעם סוף איבערמאַכן. אין דער פאָרם ווי זי איז געשריבן, האָט ער נישט געוואָלט דרוקן. האָט עס ווידער פאַרשאַפט עגמת־נפש און פאַרדרוס דעם אַמביציעזן בערגעלסאָן. מיר זיינען, געדענק איך, ביידע אַרויס פון דער רעדאַקציע פול מיט צאָרן און פאַרביטערטקייט, אָבער אויך מיט גלויבן און איבערצייגונג, אַז זיי פאַרשטייען נישט, באַגרייפן נישט דאָס וויכטיקע, נייע, וואָס בערגעלסאָן ברענגט מיט זיין שרייבן.

נאָך מער האַרצווייטיק האָט בערגעלסאָן געהאַט מיט זיין פּראַכטפולער דערציילונג „דער טויבער", וואָס ער האָט געשריבן אין דער זעלבער צייט, וואָס ער האָט געאַרבעט אויף „אַרום וואָקזאַל". די דערציילונג — וואָס איז איצט גוט באַקאַנט דעם יידישן לייענער — האָט שוין אַרויסגעפירט אַ ריי שאַרף־געשילדערטע געשטאַלטן — די פאַמיליע ביק, יאָסעלע באַבציס, דער טויבער גופא, פייגע די טאַנדייטניצע, דעם טויבנס טאָכטער. עס זיינען אין דער דערציילונג געווען שטאַרקע מאָמענטן, גוטגעמאָלטע סיטואַציעס און קאָנפליקטן. אָט די דערציילונג איז געלעגן אַ לענגערע צייט אין דער רעדאַקציע פון די וואַרשעווער זאַמלביכער „נייע צייט". דעם רעדאַקטאָר, הלל צייטלין, איז „דער טויבער" שטאַרק געפעלן, ער האָט צוגעזאָגט זי פאַרעפנטלעכן אין דעם נאָענטסטן העפט,

אָבער עס איז אַרויס איין נומער און אַ צווייטער און די דערציילונג איז אַלץ נישט געדרוקט געווען. מיר האָבן „דעם טויבן״ פאַרעפנטלעכט אין דעם זאַמלבוך „יידישער אַלמאַנאַך״, וואָס מיר אַליין האָבן אַרויסגעגעבן אין 1910 אין קיעוו. דאָרט, אגב, האָב איך אָפּגעדרוקט מיין אַרטיקל „נאָטיצן פון אַ לעזער״ — אַ ברייטערע אָפּהאַנדלונג וועגן דוד בערגעלסאָן און זיין „אַרום וואָקזאַל״, וואָס איז דאַן אָקאָרשט דערשינען.

דערווייל איז די צייט געגאַנגען, דוד בערגעלסאָן האָט שוין געהאַט פאַרענדיקט זיין „אַרום וואָקזאַל״ און אַלץ נישט געקענט זיך אַדורכשלאָגן אַ וועג אין דער יידישער ליטעראַטור. אַלע טירן זיינען געווען געשלאָסן. זיינען ביי אים אָפּט די הענט געפאַלן, ער האָט נישט איינמאָל איבערגע־ריסן זיין שרייבן און זיך ווידער גענומען צו שטודירן ציין־דאָקטאָריי. אָבער יעדעסמאָל האָט ער מיט נייעם גלויבן און נייעם אימפּעט זיך ווידער געזעצט צום שרייב־טיש, נישט געקוקט אויף דעם, וואָס קיין איינע פון זיינע זאַכן איז דורך קיין שום רעדאַקציע ניט אויפגענומען געוואָרן צום דרוקן.

מיר אָבער, אין אונדזער קרייז האָבן שוין אָנערקענט דוד בערגעל־סאָנען, און געוואוסט ווי צו אָפּשאַצן זיין באַדייט אַלס שרייבער. האָבן מיר באַשלאָסן איבער די קעפּ פון די דאַמאָלסדיקע רעדאַקטאָרן און וואָרט־פירער, דערגרייכן דירעקט צו דעם לייענער, צו וועלכן מיר האָבן געהאַט מער צוטרוי און מער גלויבן ווי צו רעדאַקטאָרן. זיינען מיר צוגעטראָטן אַליין אַרויסצוגעבן דעם „אַרום וואָקזאַל״. אָבער ווי טוט מען עס? אין קיעוו איז נאָך דאַן קיין שום יידישע דרוקעריי נישט געווען. אויך נישט קיין פאַרלעגער. האָט מען געמוזט אָנקומען קיין וואַרשע, וואו עס זיינען דאָ פאַרלעגער און יידישע דרוקערייען. האָב איך זיך געלאָזט קיין וואַר־שע, אַ ווייניק־דערפאַרענער אין דרוקעריי־ענינים און אויך אינגאַנצן אַן אומבאַקאַנטער אין די שרייבערישע און אַרויסגעבערישע קרייזן. איך בין דאַן אַרומגעגאַנגען איבער די וואַרשעווער פאַרלעגער, — אַ יונגערמאַנ־טשיק מיט אַ מאַנוסקריפּט פון זיינעם אַ פריינט. איך שטעל מיר פאָר, ווי איך האָב דאַן אויסגעזען ביי די דערפאַרענע פאַרלעגער און באַקאַנטע שרייבער. איך האָב אָפּגעשלאָגן די שוועלן און אָן דערפאָלג.

איינער אַ פאַרלעגער האָט זיך אָפּגעזאָגט צו דרוקן דאָס ווערק, ווייל ס׳איז צו גרויס. די צייט פון גרעסערע דערציילונגען, — האָט ער מיך פאַרזיכערט, — איז שוין אויף שטענדיק פאַריבער. אַלע שרייבן קורצע סקיצן, און קיין גרעסערע זאַכן באַדאַרף מען נישט. און אַזוי האָט מען זיך אַרומגעטראָגן מיטן כתב־יד „אַרום וואָקזאַל״ פון איין אַרויסגעבער צום צווייטן, און קיין בעלן אויף אַרויסצוגעבן נישט געפונען. ביי אָט דער „אָנגענעמער״ אַרבעט איז מיר באַהילפיק געווען יעקב בן־עמי (דאַן נאָך גע־

הייסן אוי ‏פֿדער יידישער בינע — שטשירין). מיט אים זיינען מיר געווען ביי הלל צייטלין, ביי אַנדערע. עס איז קיין אַנדער ברירה נישט געווען, מען האָט געמוזט מאַכן מיט דעם פאַרלעגער א. לידסקי אַ סוחריש געשעפט, געגעבן אים צושטייער אויף אַרויסצוגעבן דאָס בוך.

און ווען אַלץ איז געווען אָפּגערעדט, האָב איך דאַן אַרויסגערופן טעלעגראַפיש דעם בעל־שמחה אַליין, דוד בערגעלסאָנען, און מיר האָבן אָפּגעשריבן מיטן פאַרלעגער דעם אָפּמאַך און אַריינגעטראָגן מזומנים. מיר האָבן זיך דאַן אַרומגעדרייט אין דער ליטעראַרישער וואַרשע און זיך מיט קיינעם פון די שרייבער נישט באַקענט. צו פרצן האָבן מיר מורא געהאַט אַריינגיין. מיר זיינען איינמאָל צוגעקומען צו צעגליאַנע גאַס, צו זיין הויז, געשטאַנען אויף די טרעפּ, און מיט מורא צוריק אַוועק. אויף עפּעס אַ פאַרשטעלונג אין יידישן „עליזעאום״־טעאַטער האָבן מיר געזען אַ גרופּע יידישע שרייבער, נישט געוואוסט געגוי זייערע נעמען. אָבער געקוקט האָבן מיר אויף זיי נישט פון אונטן אַרויף. מיר האָבן דאָך פיל פון זייערע זאַכן געלייענט, גוט געקאָנט און זיי מבטל געווען. קליין זיינען געווען פיל גאַנץ־באַקאַנטע ליטעראַרישע נעמען אין אונדזערע אויגן. מיר האָבן געהאַלטן, אַז זיי דאַרפן אָפּטרעטן דאָס אָרט פאַר נייערע, פאַר אינטערעסאַנטערע. האָבן מיר דאַן אין איינעם אַן אָוונט אין וואַרשעווער האָטעל „דע פראַנס״, אויף ביעלאַנסקע־גאַס, אויפגעשניטן אַן ערשט־דערשינען בוך נאָוועלן פון אַ שטאַרק אַנגעזעענעם יידישן שרייבער, גענומען לייענען איין נאָוועלע, אַ צווייטע, און מיט פאַראַכטונג אַ שליידער געטאָן דאָס בוך אונטערן בעט:

— ס'איז שמאָטע, כראָניק! ס'איז נישט קיין ליטעראַטור!

און אַזוי האַלב־אויפגעשניטן איז דאָס בוך געלעגן אונטערן בעט אַ פּאָר טעג, און מיר האָבן אין דעם האָטעל־צימער אַלץ מער און מער אַריינגעטראַכט און אַרומגערעדט די נייע וועגן, אויף וועלכע די יידישע ליטעראַטור דאַרף גיין...

נאָכן דערשיינער פונעם „אַרום וואָקזאַל״, ווי נאָר עס איז אָנגעקומען פון וואַרשע דער ערשטער עקזעמפּלאַר, — מיט דער ביליקער געלער הילע און מיט דעם פאַרלעגערישן צוגאָב „דערציילונג פון יידישן לעבן״, — האָבן מיר אין אונדזער זומער־וואוינונג „פּושטשאַ וואָדיצאַ״ אַרום קיעוו געפּראַוועט אַ גרויסאַרטיקע פייערונג. די עלטערן זיינען דאַן געווען אין אַן אויסלענדישן קוראָרט, און דאָס יונגוואַרג האָט אַליין געבאַלאַבאַטעוועט אין אַן אייגענער גרויסער ווילע. עס איז געווען אַ גראַנדיעזע שמחה, — דאָס „אויסגעבן״ פון דעם באַליבטן קינד „אַרום וואָקזאַל״, עס האָט געדויערט פון פאַרנאַכט ביז אויף מאָרגן אין גרויסן טאָג אַריין. געווען זיינען דאַן די נאָענטע „מחותנים״: בערגעלסאָן, דער

בעל־שמחה, די ברידער און שוועסטער מייזיל, פישל שניאורסאָן, משה ראַ־פאַלסקי, ע. קאַרמאַן, יצחק גיטערמאַן, יהושע רובינטשיק, די שוועסטער אַראָנסאָן, און נאָך. אויך אָט די נאָכט שטייט אין זיכרון, אַ וואונדער־באַר העלע, אַן אויסטערליש־פינקלדיקע, און וועט זיך קיינמאָל נישט אויס־לעשן פאַר די אַלע, וואָס זיינען דאָן בייגעווען.

אָט די אויסטערלישע פייערונג איז געווען ווי אַ „פאַרשווערונג" קעגן אַ מאַכט, וואָס שטייט פעסט און היט אָפּ אירע גרענעצן און וויל זיך נישט אונטערגעבן די נייע כוחות. אין אָט דעם גייסט, הגם נאָך כלל נישט קיין קלאָרן, אויסגעשפּראָכענעם, זיינען געהאַלטן געוואָרן די רעדעס פון די באַטייליקטע. דער „אַרום וואָקזאַל" — אַזוי איז דאַן געאַנט געוואָרן — איז אַן אָנגריף פון אַ נייער גרופּע, פון אַ נייעם פאַרמעסט, און אַן אַרויסרוף פאַר נייע קינסטלערישע פאָרמען און נייעם צוגאַנג צום יידישן שאַפן.

ערשט אין עטלעכע וואָכן אַרום האָבן אָנגעהויבן אָנקומען די באַ־גייסטערטע אָפּרופן אין דער יידישער פּרעסע וועגן דעם ווערק „אַרום וואָקזאַל" און זיין אומבאַקאַנטן ביז דאַן פאַרפאַסער דוד בערגעלסאָן.

איך בין זיכער, אַז די ספּעציעלע ליבשאַפט און באַגייסטערונג פון דער קליינער קיעווער גרופּע צו דוד בערגעלסאָן און צו זיין שאַפן האָט אים געגעבן מוט און גלויבן צו שרייבן און געהאַט אַ שטאַרקע ווירקונג אויף זיין האַרציקן און שטענדיק יום־טובדיקן שאַפן.

***

דאָס, וואָס מ'איז נישט געווען אינמיטן, דאָס, וואָס מען האָט נישט גענומען פון גרייטן, פון פאַרטיקן — דאָס איז שטאַרק קענטיק ביי בער־געלסאָנען אויך אין די ערשטע זאַכן זיינע. עס איז געווען אַ דורכאויס־אייגענער חשבון־הנפש און אויך אַן אייגענע אויסגעטרוימטע קינסטלערישע וועלט. מען האָט באַוואוסטזיניק אויפגענומען די יונגע יידישע ליטעראַ־טור, וואָס איז געקומען פון דעם דעמאָלטיקן איינאונאיינציקן ליטעראַרישן צענטער, וואַרשע, און נישט געוואָלט זי גורס זיין. צופיל צעברעקלט האָט זי אויסגעזען אין די אויגן, צופיל גיט זי זיך אָפּ מיט נודנעם לעבן פון פאַראיינזאַמטע בחורים אין די בוידעמשטיבלעך פון פרעמדער שטאָט. מיר האָבן באַשלאָסן, אַז זי גייט פאַרביי די גרויסע, ברייטע שליאַכן פון דעם ווירקלעכן יידישן לעבן. ס'איז אין איר ווייניק דאָ פון די טיפע סאָציאַלע ענדערונגען אין דער יידישער ווירקלעכקייט, נישטאָ אין איר דער אָפּקלאַנג פונעם פאַרשיידנאַרטיקן היינטצייטיקן יידישן משפחה־לעבן. די ליטעראַטור איז דורכאויס סקיצנהאַפטיק, על־פּי־רוב — טרוקענע, פאָטאָ־גראַפישע בילדלעך, אָן אַ ברייטן און קאָמפּליצירטן פאַרנעם. עס ווערן

אַלץ געשילדערט שאַבלאָנע יידישע שטעטלעך, און עס בלייבן אויסן די גרויסע שטעט, וואו יידן שאַפן אַן אייגנאַרטיקן, וועלטלעכן לעבן מיט פאַרצווייגטע משפחות, מיט גרויסע געשעפטן, מיט האַנדלונג און קאָנ־פליקטן.

אָט דאָס לערך איז געווען דער דעמאָלטיקער „קיעווער נוסח". און זיין קינסטלערישע פאַרקערפּערונג איז געווען דוד בערגעלסאָן און די ווערק, וואָס ער האָט געצומען פאַרעפנטלעכן און אויך אין די פיל אָנהויבן־ווערק, וועלכע זיינען פאַרבליבן ביי אים ביז איצט אין כתב־יד.

די השפעות אויף דעם יונגן דוד בערגעלסאָן זיינען געגאַנגען פון פאַר־שיידענע זייטן. די אָנלאָדונג איז פאַרגעקומען אין אים אפשר נאָך איי־דער ער גופא האָט געהאַט וועגן דעם אַן אַנונג. ער האָט איינגעזאַפּט אין זיך די יידישע קולטור פון די ערשטע מקורים, אויפגענומען וועלטן פון די אַלטע יידישע ספרים, וועלכע האָבן פאַרגעזעצט אַ לעבן אין הויז פון זיין פאָטער; ער האָט שוין אין די דערוואַקסענע יאָרן באַקומען השפעות פון דער ניי־העברייאישער ליטעראַטור, וועלכע האָט אין יענע צייטן גע־האַט אַ שטאַרקע ווירקונג אויף יחידים אין שטעטל; ער האָט זיך אָנ־געטראָפן מיט יונגע לייט, וועלכע האָבן אין זיך געטראָגן די „באַצילן" פון דער מאָדערנער העברייאישער קולטור; ער האָט געטרונקען ווי אַ דור־שטיקער פון די שלאָגנדיקע קוואַלן פון דער רוסישער ליטעראַטור — טאָלסטאָי, טורגענעוו, דאָסטאָיעווסקי, — שפּעטער טשעכאָוו, גאָרקי, אַנ־דרעיעוו, — און גלייכצייטיק — פון די רוסישע איבערזעצונגען זיינען פאַר אים אויפגעדעקט געוואָרן די אוצרות פון דער וועלט־ליטעראַטור, — און אַ שטאַרקע אָפּפרישונג זיינען דאַן געווען פאַר דער יוגנט די ניי־אַנט־פּלעקטע נאַרוועגישע שרייבער. מאָדנע, וואָס לכתחילה האָט די יידישע ליטעראַטור געהאַט אַ קלענערע השפעה אויף דוד בערגעלסאָן. ערשט שפּעטער, ווען ער האָט זיך אָנגעהויבן באַהעפטן מיט יידיש, מיט שרייבן יידיש, ערשט דאַן האָט ער זיך פאַרבונדן ענגער און נעענטער מיט דער יידישער ליטעראַטור. פרץ, מענדעלע, טיילוויז אויך שלום־עליכם זיינען אַמשטאַרקסטן געווען אים נאָענט. די יינגערע דאַן יידישע ליטעראַטור האָט ווייניקער גערעדט צום האַרץ. אין דער עלטערער יידישער ליטעראַ־טור האָט מען געפונען מער אָנהאַלט און אינהאַלט ווי אין דער יינגערער, וואָס איז געווען פאַר אונז צו־ענג, צו־בחוריש, צו ד'־אמותדיק. אים האָט געצויגן צו ברייטע לייוונטן, צו סאָציאָלאָגישער און פסיכאָלאָגישער פאַר־טיפונג פון דער סביבה, פון די טיפן. דאָס וואָס ער האָט אַרויסגעפילט מער אין די ווערק פון די רוסישע קלאַסיקער און אויך ביי די העברייאישע שרייבער רבענער, גנעסין, בערדיטשעווסקי.

עס איז געווען אין די יאָרן נאָך דער רוסלענדישער רעוואָלוציע פון

1905־1906. עס איז געגאַנגען דער שטאַרקער אָפּפלוס פון די רעוואָלו־ציאָנערע שטראָמען. אַ געדריקטער געמיט־צושטאַנד. עס איז געגאַנגען די איבערשאַצונג פון ווערטן. נאָך די פאַרלוירענע קאַמף־פּאָזיציעס האָט געהערשט אין אייניקע קרייזן אַ פּאַניק, מען איז געלאָפן וואו נאָר עס האָט זיך געלאָזט — אין זיך, צו עקסטערנעריי, קיין אויסלאַנד, צום טאַטנס געשעפטן. אין דער שטיל אָבער האָט אָנגעהויבן אַ ניי יוירן, מען האָט אָנגעהויבן אָנטפּלעקן אין זיך, אין די יידישע פאָלקס־מאַסן אַ ניי באַגער, אַ נייעם ווילן פאַר אַן אייגענעם קולטור־שאַפן. מען האָט גענומען זוכן פּראָבלעמען און קאָנפליקטן, פּראָגן און קאָליזיעס אין דער יידישער וועלט, ביי דער יידישער יוגנט, ביי דעם יידישן פאָלקס־מענטש. עס זיינען דאַן געקומען אין דער ניי־יידישער ליטעראַטור דערציילער און דראַמאַטורגן, וואָס האָבן געאַנט און געשפּירט דאָס נייע, אָבער האָבן נאָך נישט גע־קענט עס פאַרקערפּערן אין בילדער, אין געשטאַלטן. זיי האָבן אויך נישט תופס געווען די אַלע טיפע ענדערונגען, די גוזעלשאַפטלעכע און טיף־איי־גענע. אָנדייטן זיינען אָבער געווען ביי דעם און יענעם שרייבער, — ביי א. ווייטער, ביי דוד איינהאָרן, — אָבער דער חסרון איז געווען, וואָס זיי אַליין זיינען מיטגעצויגן געוואָרן מיט די רעאַקציע־שטימונגען און אַליין אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער בענקשאַפט צוריק אין שול אַריין, צוריק צו דער יידישער טראַדיציע, צוריק צום יידישן מיטלאַלטער. אַנדערע שרייבער, ווי ז. י. אָנכי, האָבן גענומען באַזינגען די גאַנצקייט פון די אַמאָליקע יידן אויפן חשבון פון דער צעריסנקייט, וואָכעדיקייט, צעהאַלבנ־קייט פון די יונגע. האָט אָנכי קעגנגעשטעלט קעגן די יונגע חיים וואָל־טערמאַנס דעם אַלטן ר׳ אבא, וואָס גייט אַרום אַ זיגער צווישן די באַזיגטע יונגעלייט.

דוד בערגעלסאָן האָט דאַן אומבאַוואוסט תופס געווען דעם סאָציאַלן איבערבראָך אין דער גאַנצער ברייט פון דעם יידישן לעבן, הגם ער האָט נישט געהאַט וועגן דעם קיין קלאָרע איינשטעלונג. די אַקציע איז אַרי־בערגעטראָגן געוואָרן ביי אים פון דעם שטעטל, פון דער שטעטלדיקער סביבה אין דער גרעסערער שטאָט אַריין. „אַרום וואָקזאַל" איז געווען אַ מין פּרוזדור, אַן אַריינפאָר אין דער ברייטערער סביבה פון „נאָך אַלעמען". בערגעלסאָן איז געגאַנגען בהדרגה. קיין קפיצת־הדרך האָט ער קיינמאָל נישט געהאַט. ער מוז אויסוואָרעמען, אויסכאַווען זיין סביבה, זיינע גע־שטאַלטן. ער מוז אַליין אַדורכמאַכן מיט זיי די אַלע פּראָצעסן, איידער זיי, די איבערלעבענישן ווערן שטאָף פאַר זיין שאַפן. די סביבה זייערע איז שטענדיק זיין אייגענע, וואָס ער אַליין האָט אַדורכגעמאַכט און אַדורכגע־פילט. דעריבער איז דאָ שטענדיק המשך פון איין ווערק צום צווייטן, פאַרזעצונג און דערגאַנצונג. און נישט נאָר, וואָס מיר טרעפן אומעטום

בערגעלסאָנען, מיר טרעפן אין זיינע ווייטערדיקע ווערק אויך געשטאַלטן פון זיינע פריערדיקע ביכער. ווער עס קען עס האַלטן פאַר אַ חיסרון, און ווער — פאַר אַ גרויסער מעלה. און אין דעם אָ איז געוויס דאָ אַ נאָענטקייט פון דוד בערגעלסאָנען פון די ערשטע ווערק צו קנוט האַמסון, וועלכער האָט אומעטום אַריינגעבראַכט כמעט די זעלבע געשטאַלטן.

און דאָ קומען מיר צו אַ וויכטיקן שטריך אין דעם כאַראַקטער פון בערגעלסאָנס שרייבן. ער האָט קודם־כל און דער עיקר געשילדערט, געמאָלט, אַרויסגעבראַכט די טיפן — און נישט גערעדט וועגן זיי, דערציילט איבער זיי. די געשטאַלטן זיינען געווען פאַר אים לעבעדיקע נאָך איידער ער איז צוגעטראָטן אַרויסצוברענגען זיי אין זיינע ווערק. מער נישט — ער האָט געדאַרפט שאַפן די פאַסיקע אַטמאָספער, דעם „פאָן”, אויף וועלכן זיי זאָלן אַרויסקומען מיט זייערע האַנדלונגען. אָנשטאָט דער פאַרפאַסער זאָל רעדן און זאָל זיין דער „קאָנפעראַסיע” — האָט ער עס איבערגעגעבן די טיפן גופא. בערגעלסאָן האָט נאָר באַדאַרפט אַכטונג געבן, זיי זאָלן זיך האַלטן אין דער מאָס, נישט לאָזן זיך וואוילגיין, נישט מיסברויכן מיט דער מעגלעכקייט פאָרצושטעלן זיך.

עס געדענקט זיך מיר אַ מעשה, וואָס וואַרפט ליכט אויף די שאַפונגס־מעטאָדן פון דוד בערגעלסאָן. מיר האָבן כסדר גערעדט וועגן דער פלאָג אין דער יידישער ליטעראַטור, וועגן דער באַרעדעוודיקייט, וואָס עס הערשט אין יידישע ווערק, און מיר האָבן באַשלאָסן, אַז עס מוז קומען אַ נייער קער אין אָט דער הינזיכט. זיינען מיר אין איינעם אַ טאָג ביידע געגאַנגען איבער דער קיעווער הויפט־גאַס קרעשטשאַטיק; געגאַנגען און געשמועסט וועגן שאַפן און איבער די אויפגאַבן פונעם שרייבער. גייענדיק אַזוי, האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט ביי איינעם פון די גרעסטע גאַלאַנטעריע־געשעפטן אויפן קרעשטשאַטיק. דאָרט איז געגאַנגען אַ גריבלעכער רעמאָנט, מען האָט אַראָפּגעריסן די ברייטע שילדן, אויף וועלכע עס זיינען געווען אויסגערעכנט די אַלע זאַכן, וואָס געפינען זיך אין רייכן געשעפט, און אויף זייער אָרט האָט מען געמאַכט גרויסע ברייטע שויפענצטער, וואו די אַלע זאַכן זיינען באַוויזן געוואָרן, אַרויסגעשטעלט געוואָרן.

— אָט זעסטו, דוד, — האָב איך אים געזאָגט, — די געשעפטסלייט פאַרשטייען דאָס, וואָס פיל קינסטלער זיינען נישט תופס: אָנשטאָט צו דערציילן וועגן די אַלע חפצים — באַווייזט מען זיי, און דאָס ווירקט בעסער, דאָס דערגייט גיכער צום אויג און צו די געהירן פון די געברויכער...

מיר זיינען דאַן געשטאַנען ביידע און געצויגן ווייטער די פאָרזעצונג פון דעם געזעענעם. נישט איין מאָל האָבן מיר שפּעטער געבראַכט אַלס ביישפּיל דעם געשעפטסמאַן פון קרעשטשאַטיק, וועלכער האָט אָנשטאָט

דוד בערגעלסאָן

I

מיט לאַנגע צעבראָכענע פֿרי־מאָרגנס, אין בלאָער שטילקייט פֿון [illegible] [illegible], האָט

[illegible] ווייט אַרויס [illegible] פֿלודיק [illegible] אַ [illegible], [illegible] [illegible]

און [illegible] [illegible], [illegible] [illegible] [illegible] — [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible]

[illegible].

[illegible] האָט [illegible] [illegible] [illegible] דער וועלט, אַ [illegible] [illegible] [illegible], [illegible] מיט

[illegible] [illegible] פֿון [illegible] [illegible], [illegible] [illegible]. און פֿון [illegible] [illegible] [illegible] [illegible]

[illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] צו [illegible] און [illegible]:

— וואָס [illegible] דאָס האָבן?!

ווען [illegible] [illegible] איז [illegible] [illegible] [illegible] מיט [illegible] [illegible] [illegible] [illegible]; [illegible] האָט [illegible]

[redacted] דער [illegible] [illegible]. [illegible] האָט [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible], פֿון [illegible] [illegible]

[illegible] [illegible] [illegible] [illegible], און [illegible] [illegible] [illegible] [illegible]. און [illegible] האָט [illegible] [illegible]

[illegible] [illegible] צו [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible]

משניות, ניגונים [illegible] אַ סך, געטאַנצט צו [illegible] פֿון [illegible] — [illegible]

און די הונגער; מען איז אַלע און אין רגע נישט [illegible], און [illegible]

געזען [illegible] פֿון [illegible] חורבות, פֿון [illegible] בורית. [illegible]

האָט געהערט, [illegible] פֿון [illegible] טראָטואַר [illegible] אויף די [illegible]

[illegible] פֿון אַ [illegible] — דאָס האָט אַ שמועס, [illegible] ווי [illegible]

און אין די [illegible] פֿאַר דער [illegible] אַ [illegible] פֿון די [illegible]

[illegible], וואָס [illegible] טויט. [illegible]

[illegible] פֿון [illegible] אַ [illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible] אַ [illegible], וואָס [illegible] פֿון [illegible]

13 [illegible] דער [illegible]

[illegible], און [illegible], וואָס [illegible] פֿון [illegible] און [illegible]

[illegible]. אַ [illegible]

[illegible], אַ [illegible] און [illegible], אַ [illegible]. די [illegible] און [illegible]

[illegible], ווי אַ [illegible]. [illegible] אַ [illegible]

באַרעדעוודיקע שילדן, געמאַכט שויפּענצטער, וואו עס זיינען געוויזן גע־וואָרן די זאַכן גופא, עס איז מער אָנשוילעך, מער באַשיינפּערלעך, מער לע־בעדיק, — און במילא מער־עכט, מער־רעאַל.

יאָ, דוד בערגעלסאָן האָט אַרויסגעבראַכט פאַר אונדז לעבעדיקע גע־שטאַלטן, געוויזן זיי אין זייער עכטקייט, רעאַלקייט, — און נישט גערעדט וועגן זיי. און דערפאַר האָבן זיינע ווערק גלייך פון דער ערשטער מינוט אַזוי אויסגענומען — אויך ביים ברייטערן עולם, און דערפאַר איז אויך געוועזן אַזוי שטאַרק זייער ווירקונג אין דער יידישער וועלט.

עס איז געווען אַ מין סינטעז אין זיין שרייבן פון די ערשטע יאָרן.

די עלטערע יידישע ליטעראַטור — פּרץ, מענדעלע, שלום־עליכם האָבן געגעבן דעם טאָן, די שפּראַך, דעם אַחריות. די רוסישע ליטעראַטור האָט געלערנט די פּסיכאָלאָגישע פאַרטיפטקייט, דעם גרויסן פאַרנעם, די העברייאישע (בעיקר בערדיטשעווסקי, ברענער, גנעסין) — געטריבן צו יידישע ווייטיקדיקע פּראָבלעמען, און דאָס אַרומיקע גרויסשטאָטישע לעבן און די סביבה אַרום שטאַרק־פאַרצווייגטע גבירישע יידישע משפחות אין קיעוו האָט באַוויזן וויכטיקע גייסטיקע און סאָציאַלע גילגולים, — פון דעם אַלעם האָט זיך געגומען שאַפן ביי בערגעלסאָנען דער קינסטלערישער סינטעז, וואָס זיין אָנהויב איז געווען דער „נאָך אַלעמען״.

אין זיין קינדהייט און יוגנט האָט ער איינגעזאַפּט אין זיך שטעטלשע רו, שטעטלדיקן רוים, שטעטלדיקן קאָלאָריט, און שפּעטער אָטעמט שוין איין אין זיך זיין אינעווייניקסטער געמיט דעם נייעם טעמפּאָ, דעם נייעם רייץ פון דעם יידישן לעבן אין דער גרויסער שטאָט.

***

וואָס עס איז באַזונדערס וויכטיק אונטערצושטרייכן, איז די ספּעצי־פישע נאָענטקייט, די אינטימקייט פון בערגעלסאָנען צו זיינע געשטאַלטן. זיינע אַלע העלדן האָט ער „געגומען״ ממש לעבעדיקע פון דעם לעבן, פון דעם אַרום. זיינע העלדן זיינען אים באַזונדערס נאָענט, ער קען זיי דורך און דורך, ער האָט מיטגעלעבט זייער לעבן. אַנדערש איז אים שווער זיי צו שילדערן. עס דאַרף דערציילט ווערן וועגן איינעם אַ ראָ־מאַן, וואָס בערגעלסאָן האָט אַ לענגערע צייט געהאַלטן אין שרייבן, - - עס האָט געטראָגן אַ נאָמען „רברבי״, לויטן נאָמען פונעם הויפּט־העלד אינעם ראָמאַן. עס איז געווען אַ גרויסער און אינטערעסאַנטער פאַר־מעסט. עס האָט פאַרנומען בערגעלסאָנען אַ צוויי יאָר. ער האָט שוין אפילו געהאַט אָנגעשריבן אַ 12־15 גרויסע קאַפּיטלען — אַן ערך 250־300 זייטן. עס האָט געדאַרפט זיין אַ מין קעגנזאַץ צו מירעלע הורוויץ פון „נאָך אַלעמען״, וואָס ער האָט אָקאָרשט געהאַט געענדיקט. ער האָט

אַרייַנגעלייגט אין אַט דעם ווערק שטיקער פון זיין נשמה און וועזן. עס האָט געזאָלט זיין דער לעבנס־וועג און גייסטיקער וועג פון דעם יידישן ראַפינירטן אינטעליגענט, וועלכע מאַכט אַדורך די אַלע איבערוואַנדלונגען אין דער תקופה פון די לעצטע יאָרצענדליקער, דעם געראַנגל צווישן יידישקייט און וועלטלעכקייט, צווישן יידישער וועלט און דער דרויסנדיקער. עס האָט באַדאַרפט באַוויזן ווערן, ווי דער יידישער אינטעליגענט האָט אויסצושטיין פיל שטערונגען, דעם יום־טוב זיינעם אין דער וואָך, די דער־הויבענע מאָמענטן, וואָס ברענגען אים צו עקזאַלטאַציע און צו פאַרצווייפ־לונג. עס האָט באַדאַרפט זיין דער מענטש מיטן שאַרפן מוח און אָנגע־גליטן האַרץ. בקיצור, דוד בערגעלסאָן האָט געוואָלט נעמען אַן אינטע־רעסאַנטע יידישע פערזענלעכקייט, אַ פיל־געשטאַלטיקע, אַ מין יצחק לייבוש פרץ, אָבער אָן דעם טאַלענט און מייסטערשאַפט צו שרייבן. ער האָט איייניקע קאַפּיטלען געשריבן פון שטעטל, דערנאָך — פון דער גרעסערער שטאָט, דער טיפּ איז אַרומגעוואַקסן געוואָרן מיט פיל לעבעדיקע צאַפּל־דיקע געשטאַלטן, — פאָלקס־מענטשן און אינטעליגענטן. אַט־אַט און דוד בערגעלסאָן האָט שוין געטראַכט און געטרוימט, אַז דאָס בוך ווערט פאַר־ענדיקט און עס וועט אַרויסברענגען דעם יידישן אינטעליגענט, זיין פולע געשטאַלט און זיינע קאָנפליקטן, — אָבער דוד בערגעלסאָן איז אינמיטן געבליבן שטיין, — וויטער נישט געקענט גיין. איך האָב נאָכגעפאָלגט נאָך די אַלע שריט פון דוד בערגעלסאָן, נאָך אַלע זיינע פאַרמעסטונגען און אַרויסגעפילט, אַז ער איז נישט בכוח געווען וויטער אים, דעם אינטע־ליגענט צו פירן. לויטן פּלאַן, האָט רבֿרבי באַדאַרפט פאַרברענגען עטלע־כע יאָר אין אויסלאַנד, אין די אוניווערסיטעט־שטעט, וואו עס האָט זיך אויסקריסטאַליזירט דער פרצוף־פנים פון דעם יידישן אינטעליגענט און דענקער און רעוואָלוציאָנערן טוער. אָבער דוד בערגעלסאָן איז ביז דאַן אין אויסלאַנד נישט געווען, ער האָט אַליין נישט אַדורכגעמאַכט און אַדורכגעפיבערט אַט די סביבה, אַט די אַטמאָספער, — האָט ער נישט געקענט מאָלן דעם טיפּ אין אַט דער סביבה, אין אַט דעם לעבנס־שטייגער. און גלאַט „מאַכן ליטעראַטור“, שרייבן סתם אַזוי, וואָס ער האָט טיף אַליין נישט אַדורכגעפילט, דאָס האָט ער נישט געקענט. דער קינסטלער אין אים האָט נישט געקענט פאַלשעווען, ליטעראַטורעווען.

ביי בערגעלסאָנען האָבן מיר ווייניק סתם־מענטשן, ער גיט אונדז שטענדיק שטאָם־מענטשן פון וועלטן, וועלכע זיינען אים גאָר אייגן. נישט ער קומט צו מענטשן, פאַסירונגען פון דער זייט, אויס נייגיר, אויס אוי־סערלעכע פאַראינטערעסירטקייט, נאָר ער וואַקסט־מיט מיט זיינע העלדן און וואַקסט פון זיי אַרויס. ער קאָן נישט אַזוי לייכט ווי אַנדערע איבער־וואַרפן זיך פון איין מיליע צו דער אַנדערער, פון איין שטימונג צו אַ

צווייטער. ער פאַרפאַלגט כסדר זיינע טיפּן און אויך זיי פאַרפאַלגן אים אָן אויפהער. ער קאָן אָפּטמאָל פון זיי נישט אַנטרינען. בעת ער שרייבט וואָסער ס'איז ווערק, איז ער ווי אין געפענקעניש צווישן לעבעדיקע גע־שטאַלטן. ער שפּירט זיי, ער זעט זיי, ער פאָלגט נאָך זייערע באַוועגונגען און מעשים. און וויפיל מאָל האָט עס געטראָפן ביי אים, ווען ער האָט געוואָלט פירן דעם אָדער יענעם מענטש זיינעם אין איין ריכטונג, און דער העלד גופא אין דעם גאַנג פון דער האַנדלונג רייסט זיך דורך אַליין אין אַן אַנדער וועג, וואָס איז פאַר אים צוגעפּאַסטער, נאַטירלעכער און נויט־ווענדיקער. בערגעלסאָן קאָן האָבן אַ פאַראויסבאַשטימטע מיינונג וועגן אַ מענטשן, וואָס ער פירט אים אַרויס אין אַ ווערק, וויל אים אָנבינדן אַזאַ כאַראַקטער, אָבער יענער, ווי אַ לעבעדיקער, ווערט זיך און בלייבט טריי זיך און קומט אַרויס ווי קעגן בערגעלסאָנען. עס העלפן נישט די רייד פון דעם מחבר. דער העלד אַליין רעדט פאַר זיך, און זיינע מעשים און זיין פירעכץ כאַראַקטעריזירן אים אַמבעסטן.

בעתן שרייבען אַ ווערק איז ממש פול געוועזן דער צימער מיט די מענטשן, מיט די טיפּן. ער פלעגט זיי ווי לעבעדיקע מיטנעמען אויף אַ שפּאַ־ציר אויף נסיעות, און דערציילט וועגן זיי און פון זייערע טואונגען, ווי מען דערציילט וועגן לעבעדיקע גאָר־נאָענטע, היימישע באַקאַנטע.

— וויסט, מירעלע האָט זיך ווידער פאַרשפּאַרט ביי זיך אין צימער און וויל גאָר פון שמואליקן נישט וויסן!...

— ביינוש רובינשטיין שרייבט טאַקע אַ בריוול זיין ווייב.

— יאָ, הערץ קומט אַראָפּ! משמעות, צו מירעלען.

אָט אַזעלכע „נייעס" פלעגט בערגעלסאָן שטענדיק איבערגעבן וועגן זיינע מענטשן, וואָס פיגורירן אין אַ נייעם ווערק.

און נישט נאָר אַמאָל. אויך שפּעטער האָט ער געקענט זיצן און נאָכ־דערציילן וועגן וואליע ברענער, וועלכער קומט צו זיינע דריי שיינע טעכ־טער קיין מאָסקווע. וואָליע און זיינע טעכטער זיינען ווי אייגענע, היימישע, אינטימע פריינט, וואָס ס'איז טאַקע אַזוי אָנגעלייגט צו דערציילן און צו הערן וועגן זיי עפּעס־וואָס נייעס.

און נישט נאָר אין וואָר, אויך אין חלום זעט בערגעלסאָן זיינע העלדן, וואָס ער האָט וועגן זיי אין שרייבן. זיי חלומען זיך אים כסדר, ווי לעבע־דיקע און באַוועגלעכע און באַרעדעווודיקע.

אָבער ווי בערגעלסאָן זאָל נישט האָבן צו טאָן דער עיקר מיט אינ־טימע מענטשלעכע איבערלעבענישן, ווי ער זאָל נישט שילדערן די פּער־זענלעכע טראַגעדיעס פון דעם יחיד, געפינט ער זיך דאָך שטענדיק אין דעם צייט־און־סביבה־באָדן. יעדע פּערזענלעכע איבערלעבונג, יעדער בראָך פונעם יחיד האָט ביי אים אַ טיפן סאָציאַלן הינטערגרונט. דער כאַראַק־

טער פון זיינע מענטשן, זייער לעבנסשטייגער זייער טראַגיזם וואָרצלען זיך,
ציען יניקה פון די סאָציאַלע פאַרהעלטנישן אין זייער תקופה. מיט ווײ־
ער אַוועקגיין אָדער מיט זייער אָנקומען פילן זיי אויס וויכטיקע היסטאָרישע
שליחותן. זיי טראָגן, אָפטמאָל קעגן זייער אייגענעם ווילן און וויסן, דעם
עול, די קללה פון געשיכטלעכער פאַרמשפטקייט. בערגעלסאָן שפירט
וואונדערבאַר די געהיימע צאַפּלענישן, די אינעווייניקסטע גסיסה־ליידן פון
דורות און שיכטן, וועלכע גייען־אונטער. און ווי הערלעך־טראַגיש, און זיי
טיף־רירנדיק ער שילדערט דעם אונטערגאַנג, דעם חורבן פון די אַוועק־
גייענדיקע. גדליה הורוויצעס ציטערדיקער טויט („נאָך אַלעמען"), מלכס
געהיימניספולער אַוועקגיין („אָפּגאַנג"), ר' אהרן לעמבערגערס גרויזאַמע
לעצטע שעה'ן („מידת הדין"), — סאַראַ טיף־אייגנאַרטיקע קראַפט עס
פאַרמאָגן אָט די וואונדערבאַרע בערגעלסאָנישע בילדער. אָבער ער איז
נישט דער קדיש־זאָגער. פון צווישן די חורבות וואַקסט ביי אים אויס
דאָס נייע, דאָס מונטערע, וואָס רייסט זיך צו אַ באַנייטן, אויפגייענדיקן
לעבן. אין זיינע ווערק האָבן מיר אויך געבורט־ווייען פון דעם נייעם
מענטשן, פון דעם נייעם דור, וואָס קומט מיט פריידיקן אָנזאָג, וואָס דאַרף
ברענגען פאַרלייכטערונג און דערלייזונג פאַר דעם שאַפנדיקן יידישן לעבן.

***

בערגעלסאָן איז דער גרויסער שפּראַך־מייסטער. ווער נאָך ווי ער איז
אַזאַ בריה אויסצומייסטרעווען אַ פראַזע, אַ זאַץ, אַן אויסדרוק. זיין שפראַך
איז צאַרט און ראַפינירט, אָבער אויך מאַסיוו. מען זאָגט, אַז ער איז
אָרעם אין ווערטער, אָבער סאַראַ קאָלירן און פאַרבן עס שעמערירן
כסדר אין זיינע ווערק! וויפיל ניואַנסן פאַרמאָגן זיינע בילדער. קלאַנגען
און ווידערקלאַנגען. אָפּקלאַנגען און נאָכקלאַנגען. עס זינגט אַרויס פון
זיין יעדער שורה. ער לאָזט זיך אָבער נישט פאַרשיכורן פון דעם אייגענעם
דיכטערישן געטראַנק. ווי נאָר דער קינסטלער אין אים וויל זיך לאָזן
וואוילגיין, איז באַלד דאָ דער ניכטערער, קלוגער בערגעלסאָן און פאַרהאַקט
אים דעם וועג און שטעלט אָפּ די איבעריקע רייד. בערגעלסאָן איז אָפט־
מאָל אַ דעספּאָט צו זיינע טיפן און צו זיך אַליין, — אין זיין בייזיין (און
ווען איז ער נישט אָנוועזנד אין זיינע ווערק?) מוז מען פירן שטאַט און
זיך היטן פון סתם רייד. און ווי ער איז נישט געהיט בעתן שרייבן, ווי
געמאָסטן און געוואויגן עס איז נישט ביי אים יעדע פראַזע, דאָך קען ער
שפּעטער אַרויסשניידן פון דעם ווערק גאַנצע זייטן, גאַנצע קאַפּיטלעך,
וועלכע ווייזן זיך אים אויס, אַז זיי זיינען איבעריק. ער איז אָפט דער גרוי־
סער אַכזר אויף זיינע אייגענע ווערק. גייט אַ ווערק נישט אין זיין דרך,
איז ער עס גרייט מעביר נחלה זיין און אויף שטענדיק, אָן קיין רחמנות.
ביי קיין שום יידישן שרייבער זיינען געוויס נישטאָ אַזוי פיל אָנגעשריבענע

זייטלעך, קאַפּיטלעך, גאַנצע טיילן פֿון ווערק, וואָס זיינען פֿאַרבליבן ליגן אין שופֿלאָד און וועלכע וועלן שוין קיינמאָל נישט זען די ליכטיקע שיין ווי ביי בערגעלסאָנען.

און וויפֿיל וואונדערבאַרע שילדערונגען און טיפֿן עס ליגן פֿאַרגראָבן אין אָט די געפּסל'טע קאַפּיטלעך. אָפּטמאָל האָט ער חדשים און חדשים געאַרבעט אויף אַ ווערק, געלייגט פֿונדאַמענטן, אויפֿגעשטעלט די ערשטע שטאָקן, אָבער דערנאָך אינמיטן איבערגעריסן דאָס ווייטערדיקע בויען. און מערקווירדיק: דעם גאַנצן מאַטעריאַל, וואָס ער האָט אַריינגעבראַכט אין דעם אָנגעהויבענעם בנין, האָט ער נישט באַנוצט פֿאַר דעם נייעם געביי. פֿאַר דעם נייעם בנין האָט ער גענוג נייעם שטאָף. יענער מאַטעריאַל איז פֿאַרבליבן ליגן אין באָדן, שטייט נאָך אין די רעשטאָוואַניעס אַזוי יאָרנלאַנג.

מען קאָן זיך אָנדערציילן פֿיל מעשיות וועגן דעם, ווי בערגעלסאָן האָט גאַנצע צענדליקער און הונדערטער זייטן אַוועקגעלייגט, און פֿאַרקערט, ווי ער האָט עקשנותדיק פֿאַרטיידיקט איינצלנע זייטלעך און שטריכן, ווען מ'האָט אים געעצהט זיי אויסצושטרייכן.

געווען איז אַמאָל אַ מעשה מיט אַ צוויי קאַפּיטלעך פֿון „נאָך אַלעמען", וואָס איך האָב געפֿונען, אַז זיי שטערן דעם אַלגעמיינעם כאַראַקטער פֿון בוך און אַז זיי דאַרפֿן דעריבער נישט אַריין אין ווערק. בערגעלסאָן איז דאַן געוואַלטיק אויפֿגערעגט געוואָרן, בשום־אופֿן נישט געוואָלט דערויף מסכים זיין און געטענהט, אַז „אַן עק, — מער לייענט ער נישט פֿאַר מיר קיין איין אָנגעשריבענע שורה. די קאַפּיטלעך זיינען דאָס וויכטיקסטע אינעם ווערק, און ווי קאָן גאָר אַ רייד זיין זיי נישט געבן". אַ צוויי־דריי טעג נאָך דעם הייסן קריג, האָבן מיר ביידע אויסגעמיטן צו רעדן וועגן דעם, דערנאָך קומט ער צוגיין, ווי אַ ניי־געבוירענער, אַ גליקלעך־צופֿרידענער, און טענהט מיט מיר איין, ווער מירעלע איז און וואָס „נאָך אַלעמען" איז, און ווי האָט עס געקענט גאָר געמאָלט זיין דאָס, וואָס ס'איז געשילדערט אין אָט די פֿאָר קאַפּיטלעך. עס איז אַן אומזין! און אַריינגעטענהט האָט ער מיט מיר, פּונקט ווי איך וואָלט באַשטאַנען, אַז די קאַפּיטלעך מוזן פֿאַרבלייבן אין בוך... ער איז דערנאָך געווען שטאַרק גערירט און אויפֿריכטיק דאַן געדאַנקט: „דו האָסט געראַטעוועט ,נאָך אַלעמען'! דו האָסט פֿאַרהיט מירעלען פֿון אַן אומגליק!" ביידע זיינען מיר אַ לאַנגע צייט געווען איבערגליקלעך ,וואָס אין ווערק זיינען נישט אַריין די זייטלעך, וואו ער האָט בייז געשילדערט מירעלען אין נישט־לייטישער געפֿאַלנקייט.

**
*

סאַראַ וואונדערבאַרע סתירות מען טרעפֿט אָן אין בערגעלסאָנס שאַפֿן: איבערצייטיקע קהלתדיקע הבל־הבלים, און דאָך יוגנטלעכע שיר־השירים־

דיקע פאַרליבטקייט. אָט די עקסטרעמע עלעמענטן געפינען מיר אין אלע זיינע ווערק, פון „אַרום וואָקזאַל" ביז זיין לעצט ווערק „ביים דניעפּר". בין־השמשותדיקע געדריקטקייט און באַגינען־אויפשיינען. ניכטערע קלוג־שאַפט אין שילדערן מענטשן, נאַטור, און רירנדיקע סענטימענטאַלקייט, וואָס באַגלייט, ווי אַ לייט־מאָטיוו יעדן גערעַנגל, יעדע שווערע סיטואַציע, אין וועלכע עס געפינען זיך זיינע מענטשן. טרויער, טראַגיזם אָן אַ שיעור, קללה, וואָס ליגט אויף יעדן מענטשן, פאַרמשפטקייט, און פרייד, מונטער־קייט, טיפע אינעווייניקסטע איבערגליקלעכקייט. נאָגנדיקע בענקשאַפט, און קרעפטיקע מונטערקייט.

און איבער אַלץ און אַלעמען רוט שטענדיק אויף זיינע ווערק — פרייד פונעם מייסטער — יום־טובדיקייט.

און דאָס איז אייגנטלעך די אמתדיקע, ריכטיקסטע באַצייכענונג פון בערגעלסאָנס שאַפן —

יום־טובדיקייט.

# אידישער אלמאנאך.

## ערשטעס בוך.

רעדאגירט דורך
ש. גארעליק.

„קונסט-פערלאג"
קיעוו.

# אינהאַלט :

## לידער :


ע. ליפּאָוועצקי : ביים טייך .

יהודה קאַרני : I. אין שטילע ליידען . . .

" " II. הייליג געשטאַלט . . .

דניאל טשאַרני : אַ האָגל .

אי. ס. טורגעניעוו : ווי פריש, ווי שעהן
וועגען די רויזען געווען.


## ערצעהלונגען :


דוד בערגעלסאָן : דער טויבער .

דער נסתּר : פריהלינג .

דוד בערגעלסאָן : צוויי וועגען .


## איבערזעטצונגען :


פרידריך ניצשע : אַזוי האָט געזאָגט
זאַראַטוסטראַ .

שאַרל באָדלער : קליינע פּאָעמען .


## אַרטיקלען :


שמריהו גאָרעליק : קונסט און נאַציאָנאַלע
אויפלעבונג .

נחמן מייזיל : בעמערקונגען פון
אַ לעזער .

ש. גאָרעליק : I. אָסקאַר וואַילד .

II. אַנאַטאָל פראַנס .

נַחְמַן מַיזיל

# בעמערקונגען פון אַלעזער.

דאָס רוב גרויסע און קליינע ווערק פון די טאַלאַנטפאָלע קינסטלער, אידישע און ניט=אידישע, צייכנען זיך אויס, מעהר אָדער ווייניגער, מיט דעם, וואָס אין זיי פיגורירען צוויי: דער מחבר און די העלדען.

דער מחבר האַלט געוועהנליך דעם שליסעל פון זיינע העלדענס הערצער און געפיהלען, ער איז דער מורה=דרך פון אַלע זייערע גרויסע און קליינע, קלוגע און נאַרישע מעשים, ער גיט אַכטונג אויף יעדער זייער שריט און טריט און לאָזט נישט דורך אין זייער לעבען קיין מינדסטע זאַך, וועלכע ער זאָל ניט בעמערקען, ניט שטעלען זיך דערויף און אויך אָנווייזען און ענטדעקען עס דעם לעזער. זייענדיג אַזוי דער אויבערהאַר איבער דעם העלד, האַלטענדיג איהם שטענדיג אין זיינע הענד, פיהלט דער מחבר אַ בעזונדער אחריות פאַר'ן העלד, פאַר זיינע מעשים און שטענדיג רעדט ער פון איהם, ווי פון אַן'אונטערטעניגען, וועמענס לעבען איז אינגאַנצען איבערגעגעבען איהם און הענגט אָב פון דעם גוטען אָדער שלעכטען ווילען פונ'ם מחבר.

ביי די אַלע מחברים טרעט אַרויס דער העלד ניט פון זיך זעלבסט, ער לעבט נישט אַליין אַן און פיר זיך, נאָר שטענדיג ווערט ער געפיהרט דורכ'ן מחבר און ווייזט זיך אַרויס מיט דעם מחבר'ס רעקאָמענדאַציע. דער מחבר ווייסט גוט, וואָס עס טהוט זיך מיט זיין העלד, פאַר איהם איז קלאָר ביז יעדען מינדסטען פרט דעם העלד'ס פערגאַנגענהייט, און מיט בעשטימטע טריט פיהרט ער איהם צו דער צוקונפט.

די מחברים, בשעת זיי קומט אויס פאָרשטעלען אַזאַ מין צוזאַמענשטויסונג, וועלכע שפּיעלט אַ ראָלע אינ'ם העלדס לעבען און וועלכע פערנעמט אַ בעדייטענדען אָרט אינ'ם ווערק, גרייטען זיי צו זייער העלד, לאָזען איהם נישט אָב פון זיך אויף אַ רגע, בעטראַכטען פאָראויס און גרייטען צו אַ באָדען צוליעב דער צוזאַמענשטויסונג, און אויסגערעכענט און פּינקטליך שטעלען זיי פונאַנדער אַלעס אַרומיגעס, אין זינען האָבענדיג בשעת=מעשה יעדעס קלייניגקייט. דער מחבר פערגעסט נישט אויס=צודערצעהלען וועגען די פרטים פון יעדער לעבעדיגער און נישט לעבעדיגער

זאך, וואס רינגעלט ארום דעם העלד, מיט דער געשיכטע פון יענע זאך פון אנהויב אן ביז דער לעצטער מינוט.

קנוט האמסון איז דער ערשטער, דוכט זיך, וואס איז אינסטיקטיוו, דאך שטרענג ארויסגעטראטען געגען דעם ארט שרייבען, געגען דער געוועהנליכע פונ׳ם שרייבער אויף די העלדען, געגען זיין אלוויסענהייט.

פריהער פון אלץ געהט האמסון צו צו דעם העלד, ווי צו א פארטיגען מענש, וואס האט געוויסע חסרונות און מעלות, נאר וועלכער לעבט ווי ס׳ווילט זיך איהם, טהוט וואס ס׳געפעלט איהם און טראכט זיך ווי ער פערשטעהט. האמסון שטעהט נישט אן דער זייט פונ׳ם העלד און דרעהט נישט מיט זיין לעבען און געפיהלען, ער דערצעהלט נישט אויס וואס עס האט זיך פאסירט מיט זיין העלד, ער פיהרט נאר דורך דעם העלד פאר׳ן לעזער, פיהרט איהם דורך אין א געוויסער צייט אין זיין לעבען. האמסון גיט זיך נישט אב צו וויסען אלע פרטים פונ׳ם העלדס פער=גאנגענהייט און אויך אפילו פון זיין געגענווארטס=לעבען, איהם אינטערעסירען נישט אלע קלייניגקייטען, וואס געפונען זיך ארום זיין העלד. דער עיקר פאר האמ=סונען איז דאס איצטיגע לעבען פון זיין העלד, די פארמען, וואס ער נעמט איצט אן און די קנייטשען, וואס עס רופען ארויס די איצטיגע געשעהנישען און בעגעג=נישען ביים העלדס נשמה.

האמסון אין צוזאמענהאנג מיט זיינע טיפען וויל נישט זיין אלוויסענד. בשעת מיר לייענען זיינע ווערק ווייזט זיך אונז אויס, אז גאנץ אפט זענען די מעשים פון זיינע טיפען, זייערע פערהעלטניסען צו דאס לעבען און זיינע ערשיינונגען פאר איהם זעלבסט א מיסטעריע, א סוד. ער פיהרט דורך אין זיינע ווערק דעם טיפ, דעם טיפ זעלבסט, מיט אלע זיינע בעווו=דערהייטען, מיט אלע זיינע קרומע און גלייכע אייגענארטיגקייטען. האמסון שמועסט נישט וועגען זיינע טיפען, ער ערקלערט נישט דעם לעזער זייערע טהאטען, זייערע בעציהונגען צו וועלט און מענש, נאר ער פיהרט דורך די טהאטען און געשעהנישען פון זיינע טיפען זעלבסט. כמעט ביי אלע קינסטלער פערנעמט דאס אנאליזירען מיט א געוויסע טענדענץ די העל=דענס מעשים א מעהר אדער וועניגער בעדייטענדען ארט אין זייערע ווערק. פאר און נאך יעדע צוזאמענשטויסונג האט איהר דארט לאנגע און קלוגע שמוע=סען פונ׳ם מחבר. ביי האמסונ׳ען זענען אזעלכע שמועסען נישטא. ער פיהרט דורך די צוזאמענשטויסונגען אהן הקדמות און פארבערייטונגען. און נאך מיט איינס טיילט זיך האמסון אב פון דאס רוב קינסטלער: יענע שעפען אויס אין זייערע ווערק דאס גאנצע לעבען פונ׳ם טיפ, נעמען איהם ארום פון אלע זייטען, הויבען אן פון אנהויב און לאזען אויס ביז דעם סוף, ווי ווייזענדיג דערביי: „נאט, קוקט און זעהט!" האמסון אבער הויבט אן פון מיטען, ווייל דאס לעבען פון אנ׳אייציגען מענש אין צוזאמענהאנג מיט דעם ארומיגען לעבען איז אויך אהן א התחלה און

## בעמערקונגען פון אלעזער

לאזט זיך נישט אויס מיט אנ'אמת'ן סוף; דאס לעבען איז אויך אזוי שטענדיג
מיט א „המשך יבא"...

דאס איז די הויפט=איינגעשאפט פון האמסונ'ס ארט שרייבען. דערמיט צייכ=
בענט זיך אויס אויך ה' דוד בערגעלסאן אין זיין טאלאנטפאלען בוך „ארום וואק=
זאל", און מיט דעם דריקט זיך אויס זיין עהנליכקייט צו האמסונ'ען.

אין „ארום וואקזאל" פיגורירט וועהניג וואס דער שרייבער, אין איהם פיגו=
רירט נאר דער וואקזאל מיט זיינע סוחרים און מוכרים, מעקלערס און קאמיסיאנערען.

און דאס איז די הויפט=מעלה פונ'ם „ארום וואקזאל, – וואס דאס לעבען פון
די וואקזאל=לייט, זייער גאנצע מיאוסקייט און פוסטקייט, זייערע לעערע און פער=
דארבענע מחות, זייערע גראבע און ציניש וועדטלעך, – דאס אלץ טרעט ארויס
אזוי גאנץ, אזוי לעבעדיג **פון זיך זעלבסט**. נאר אין א פאר ערטער, און
דאס אויך פון אנהויב, זענען פאראן עטליכע ווערטער פונ'ם אויטאר וועגען דעם
ארט לעבען פון די וואקזאל=לייט, וועגען זייערע פערהעלטניסען איינער צום אנדע=
רען, און וועגען בייגוש'ען און זיין חאראקטער. חוץ די פאר ערטער, וועלכע דער
אויטאר האט געוויס ביד געהאט אויסצומיידען, געהט דורך אלץ אינ'ם „ארום וואק=
זאל אליין פון זיך, ציהט זיך נאטורליך, פשוט און גרינג.

און נאך מעהר מערקווירדיג איז, וואס די סאמע גרעסטע צוזאמענשטויסונגען
אין דעם ווערק, וועלכע האבען א בעדייטענדע ווירקונג אויף די טיפען, די וויכטיג=
סטע געשעהנישען, וועלכע דרעהען איבער דעם לעבענס=גאנג ביי די הויפט=העל=
דען אינ'ם „ארום וואקזאל", פיהרען זיך דורך פאר אונזערע אויגען מיט אזא בע=
זאנדערע גרינגקייט, אהן א שום אנגעשטרענגקייט. אזוי לעבעדיג און נאטירליך,
פונקט ווי דער מחבר זעלבסט האט, אנהויבענדיג די קאפיטלען, נישט געוואוסט,
וואס עס וועט דארט פארקומען. אזוי פשוט און נאטירליך ווערט געבוירען ביי ביי=
נוש'ען דער געדאנק וועגען מלמדות, וואס פערנעמט שפעטער אזא וויכטיגען ארט
אין זיין מח, און נאר בדרך=אגב שווימט ארויס ביי איהם די מחשבה וועגען
זעלבסט=מארד, און אזוי גיך ווערט זי פערשוואונדען. לעבעדיג און גרינג געהט דורך
קלארא'ס קומען אויפ'ן וואקזאל, די בעגעגעניש פון די סוחרים מיט איהר, ביינוש'עס
אינצידענט מיט פיווניאק'ען און אזוי ווייטער.

די **האנדלונג** פון די טיפען זעלבסט, נישט **שמועסען** וועגען
דער האנדלונג– דאס איז דער הויפט=שטריך פון בערגעלסאנ'ס ארט שרייבען.

בערגעלסאן איז אויך נים קיין בעל=הבית אויף זיינע העלדען און זייער לעבען,
–דאס פיהלט מען, בשעת מיר לייענען דעם „ארום וואקזאל". די טיפען לעבען
דארט פאר זיך, טראכטען פאר זיך, ליידען פאר זיך. דער אויטאר געהט=צו צו
זיי, דרינגט אריין אין זייער איצטיגען לעבען, האפט אן זייערע איינענארטיגע
שטריכען און גיט איבער אין זיין ווערק די וויכטיגסטע צוזאמענשטויסונגען און
די חאראקטעריסטישע געשעהנישען, וועלכע זענען פארגעקומען אין דעם וואקזאל=
לעבען פאר'ן יאהר. דעריבער נעמט ער נישט ארום זיינע טיפען אינגאנצען, דער=

צעהלט נישט וועגען זייער פערגאַנגענהייט , ער דעקט ניט אויף זייער משפחה=לעבען , זייערע פערהעלטניסען צו זייערע עלטערען , ווייב און קינדער . אַברהם׳ציק קויפמאַן , לוי פּיזוניאַק , אֶלי דערבּאַרימדיגער , איציק=ברוך—טרעטען אַרויס פאַר אונז , ווי זיי ווייזען זיך אַרויס אינ׳ם וואָקזאַל , אין דער וואָקזאַל=סביבה . זייער לעבען אין דערהיים , זייערע בעציהונגען צו אַנדערע ערשיינונגען אין לעבען , אויסער דעם וואָקזאַל און זיינע סוחרים , — דאָס ווייזט זיך נישט אַרויס אויפ׳ן וואָקזאַל . און דאָס שילדערט אויך נישט בערגעלסאָן , וויל נישט וויסען און גיט זיך נישט אָב צו וויסען . ווייל דאָס אַלץ אויסדערצעהלען און בעלייכטען וואָלט ער בעדאַרפט זיך אָבּרייסען פון דער האַנדלונג און גאַנג פון דער ערצעהלונג און אויסדערצעהלען פון זיין נאָמען , און דאָס איז נישט בערגעלסאָן׳ס אַרט = שרייבען . נאָר דאָס איצטיגע לעבען , די איצטיגע צוזאַמענשטויסונגען פון די טיפּען , זייערע איצטיגע איבערלעבונגען , אויך וויפיעל זיי האָבען אַ גלייכע און נאָהנטע נגיעה מיט דעם וואָקזאַל און וואָקזאַל=לעבען , — נאָר דאָס אינטערעסירט איהם און דאָס שילדערט ער . און דערפאַר שעפט נישט אויס בערגעלסאָן דאָס לעבען פון זיינע טיפּען , און אפילו זיין הויפּט=טיפּ , ביינוש רובינשטיין , געהט דורך פאַר אונז , ווי ער איז אויפ׳ן וואָקזאַל , און פון זיין פערגאַנגענהייט , וועגען זיינע פערהעלטניסען צו זיין ווייב און עלטערען ווייסען מיר אַזוי=פיעל , וויפיעל עס האָט אַ נאָהנטע צוזאַמענ= בינדונג מיט זיין איצטיגען צושטאַנד אויפ׳ן וואָקזאַל , מיט זיין איצטיגען סוחרישען „איך״ . אַזוי איז אויך וועגען די איבעריגע טיפּען : זייער פערגאַנגענהייט ווערט דערמאָנט און געשילדערט אינ׳ם ווערק , אויף וויפיעל זי לויפט דורך איצט אינ׳ם העלדס מח .

II

נאָך די אַלע גרויסע קינסטלער , וואָס די וועלט=ליטעראַטור פערמאָגט , איז די נאַטור געוואָרען ווי אַנ׳אָפּגענעדע ספר . די קינסטלער האָבען אויפגעדעקט דעם פּאָרהאַנג פון דער נאַטור , האָבען געשילדערט אין פערשידענסטע פאָרמען אַלע איהרע בעזונדערע ערשיינונגען און מאָמענטען .

די נאַטור , מיט אַלע איהרע פרעכטיגסטע בילדער , טיעפסטע סטימונגען , שטילסטע אידיליען , פערבאָרגענסטע קרעפטען , איז שוין אַזוי פיעל אויסגענוצט געוואָרען דורך די גרויסע קינסטלער אַז אַדאַנק דעם , איז די נאַטור געוואָרען זעהר ערגרעכליך און יעדער , וואָס האָט נאָר אַ פּען אין האַנד און וואָס איז אפילו נישט געבענטשט מיט קיין רייכער פּאָעטישער נשמה , קען אָנוואַרפען שעהנע בילדער און שילדערונגען פונ׳ם פרישען פריהלינג , השב׳דיגען הערבסט , שטילער זומער= נאַכט און בייזען ווינטער .

די נאַטור = שילדערונגען זענען באמת געוואָרען אַ פּשוט׳ע , וואָכעדיגע אַרבייט . מען געהט צו צו דעם מיט פאַרטיגע , אויסגעאַרבייטע פאָרמען , און יעדער פּשוט׳ער , געוועהנליכער שרייבער פיהלט זיך , בשעת ער קומט פאָרשטעלען די

## בעמערקונגען פון אַלעזער

נאַטור , אַזוי ווי בײַ זיך אין דער היים . און דער שטײַגער איז געוואָרען , דאָס אין יעדען קלײנעם, געמײנעם עסקיז מוז זײַן געוועהנליך אַ נאַטור = שילדערונג , נישט בעלויכטען מיט קײַן בעזונדער ליכט , נישט דערוואַרעמט מיט אַ בעזונדער וואַרימקײַט . זעלטען , זעלטען ווען עס ערשײַנט אַן אמת׳ער קינסטלער מיט אַ שטאַרק = ענטוויקעלטער און שאַרף = פיהלענדער נשמה , וואָס גיט אַרײַן אין די נאַטור = בילדער זײַן האַרץ , פערטײַטש זי אויף זײַן אײַגענאַרטיגען שטײַגער . נישט אַלע טאָג ווערט געבוירען אַזאַ מין קינסטלער , וואָס זעהט און פיהלט נישט ווי אַלע , וואָס די נאַטור שפּיגעלט זיך אָפּ בײַ איהם אין האַרץ און נשמה גאָר אַנדערש און אײַגענאַרטיג , און ער שאַפט גאַנץ = נײַע בילדער . און אַז עס ערשײַנט יאָ אַזאַ מין קינסטלער , רופט ער אַרויס אַ גאַנצע רײהע געמײנע , טאַלאַנטלאָזע נאָכפאָלגער, וועלכע געהען צו צו דער נאַטור מיט טרוקענע הערצער און טומפּע געפיהלען און , האָבענדיג פאַר זיך די שעהנע פראַכטפאָלע בילדער פון די בעגאַבטע און גאָט = געבענשטע קינסטלער , מאַכען זײ מיט אַ פּשוט׳ער , שווײַסיגער אַרבײַט זײערע נאַטור=שילדערונגען . און זײערע געמײנע נאַטור = בילדער פערשוועבען און מאַכען וואָלוועל אויך די אַרט = שילדערונגען פון די אמת׳ע קינסטלער , וועלכע זײ מאַכען נאָך אַזוי טאַלאַנטלאָז . וויפיעל , למשל , האָבען אַש׳ס ליעב = שעהנע און ווײַכהאַרציגע בילדער און נאַטור = שילדערונגען אַרויסגערופען נאָך זיך פּשוט׳ע, געמײנע נאָכפאָלגער , וועלכע נוצען אויס אויפ׳ן שלעכסטען אופן זײַנע פאַרבען און שילדערונגען .

און אַזוי איז די נאַטור פערשוועכט געוואָרען אין געוויסע פאַלען . די נאַטור= שילדערונגען , ווײַל זײ בעגעגנען זיך אַזוי אָפט און אין אַזעלכע עהנליכע און געוועהנליכע בילדער , מאַכען אויף אונז קײַן בעזונדערען אײַנדרוק נישט , רופען נישט אַרויס בײַ אונז קײַן בעזונדערע געפיהלען און מיר געהען = דורך דורך זײ כמעט פאַרבײַ . עס איז שוין גוט און גענוג בעוואוסט און בעקאַנט , למשל, דאָס פריהלינגס=בילד. די זון קריכט אַרויס, געוועהנליך, פון אונטער די וואָלקענס, שיקט איהרע גאָלדענע אָדער זילבערנע שטראַהלען , וועלכע קושען זיך , ווי דער שטײַגער איז , מיט דער ערד . זי , די ערד , הײסט דאָס , וואַכט אויף , עטעמט און איז צופריעדען פונ׳ם פריהליג . און פויגעלעך שפּיעלען זיך און זינגען , די בוימער שאָקלען און מורמלען און , אַז מען וויל , שעפּטשען זײ אַ תפלה . און אַזוי ווײַטער , און אַזוי ווײַטער, ווי עס שטעהט געשריבען אין יעדער געשמאַקלאָזער ערצעהלונג .

דאָס האָבען געפיהלט , בעוואוסט צי אונבעוואוסט , פיעל הײַנטיגע שרײַבער און , בשעת זײ קומט אויס רעדען וועגען דער נאַטור זײַנען זײ יוצא מיט אײן אָדער מיט אַ פּאָר ווערטער : פריהלינג , הערבסט , אַ זומער=נאַכט און אַ פינטעלע . אײן וואָרט אָבער קאָן נישט דערוועקען אין אונז די אינטאוּאיווע איבערלעבונגען און קאָן נישט אַרויסריפען די פּאַסענדע שטימונג . פון דעם אײן וואָרט קאָנען מיר נישט האָבען קײַן פולע לעבעדיגע פאָרשטעלונג פון דאָס בילד , וואָס איז געווען

בײַם קינסטלער אין פֿאַנטאַזיע און, וואָס ער האָט געהאַט בדעה אָנחײַזען. עס איז פֿאַראַן נאָך אַ דרך און, דוכט זיך, דער סאַמער ריכטיגסטער און קינסטלערישער. מיר טראַכטען מיט געשטאַלטען. פֿאַר אונז איז אונמעגליך פֿאָרשטעלען זיך וואָס'ער ס'איז זאַך אַבסטראַקט, אָהן קאָנקרעטע געשטאַלטען, אָהן לעבעדיגע בילדער. דעריבער, בשעת מען וויל שילדערען וואָס'ער ס'איז צײַט פֿון דער נאַטור, גיט מען עס איבער אין לעבעדיגע געשטאַלטען. בעוואוסטע מאָמענטען פֿון דאָס נאַטור־לעבען, פֿערקערפּערט מען אין ריאַלע בילדער און אויף די בילדער לאָזט זיך פֿיהלען, ווי ס'דאַרף צו זײַן, די צײַט, וועלכע דער אויטאָר האָט בדעה שילדערען. אַזעלכע פֿערקערפּערטע בילדער, לעבעדיגע געשטאַלטען, שילדערונגען רופֿען אַרויס די בעסטע און לעבעדיגסטע פֿאָרשטעלונגען, בעשאַפֿען אינסטינקטיווע די נויטיגע אינטואיטיווע געפֿיהלען און דערנעהנטערען די נאַטור צו אונז.

צו דעם לעצטען אַרט שילדערען די נאַטור געהערט ד. בערגעלסאָן. אין דעם „אַרום וואָקזאַל" געהט דורך אַ גאַנץ יאָהר מיט זײַנע פֿערשידענע צײַטען: פֿריהלינג, זומער, הערבסט און ווינטער. און די אַלע צײַטען זענען געשילדערט נישט פּרימיטיוו, מיט די געוויסע בעוואוסטע און אויסגעאַרבײַטע נאַטור־בילדער, אויך נישט מיט די געקינצעלטע און גע'מלאכה'דיגע שילדערונגען, נאָר יעדע בעאַנדערע צײַט מיט איהר בעזונדערען צושטאַנד שפּיעגעלט זיך אָפּ אין פֿערשידענע לעבעדיגע געשטאַלטען. עס קומט אָן דער הערבסט. וויפֿיעל שאַבלאָנע, גענוג אויסגענוצטע שטריכען וואָלטען אַנדערע שרײַבער אָנגעוואָרפֿען, כּדי צו לאָזען וויסען דעם לעזער, אַז עס איז הערבסט. די שילדערונג וואָלט געוויס פֿערנעמען פֿיעלע זײַטען. און אין'ם „אַרום וואָקזאַל" טרעט אַרויס דער הערבסט גאָר בדרך־אגב, נאָר אַזוי קלאָר און לעבעדיג. „ס'האָט זיך געצויגען דער לאַנגזאַמער הערבסט, קורצע און דונקעלע טעג אָהן זונען און אָהן הימלען, לאַנגע מעת־לעת'דיגע רעגענס מיט פֿרישע און שוואַרצע שבת־בראשית'דיגע בלאָטעס. די וואָקזאַל בעלי־עגלות האָבען דאָס אַביסעל טרחה געהאַט — געהאַלטען אין איין בינדען די האַרטע פֿערדישע וויידלען, זיך געהילט אין גראָבע און נאַסע רעדנעס, און מורא געהאַט פֿאַר די פֿינסטערע נעכט, ווי פֿאַר'ן מלאך־המות. — אונמעגליך צו פֿאָהרען, — האָבען זיי, שמײַסענדיג די פֿערד, געזיפֿצט, — חאָטש נעם אַרויס די אויגען, וויא!... דאָרט אין יענע שטעדטליך, וואוהין זיי האָבען די פּאַרשוינען געפֿיהרט, זענען שוין יונגעל'עך געגאַנגען בײַ נאַכט אין חדר, בעלויכטען מיט זייערע לאַמטערענדלעך די אויסגעקנאָטענע בלאָטע און זיך פֿאַר פֿרייליכקייט צו געזונגען: „הנה לא ינום ולא יישן שומר ישראל"...

אינטערעסאַנט טרעט אַרויס אין'ם „אַרום וואָקזאַל" פֿריהלינג. בײַנוש רובינשטיין, דער הויפּט־טיפּ, איז עטליכע וואָכען קראַנק געווען, געלעגען צוגעשמידט צום בעט און אַז ער קערט זיך אום צו זײַן געזונד איז שוין פֿריהלינג. אַ געוועהנליכער שרײַבער וואָלט שוין זיך דאָ גענומען צו שילדערען דעם פֿריהלינג, ווי אין פּסוק שטעהט: די זון וואָלט אַרויסגעשוואומען אויפ'ן הימעל, אין דער לופֿט

43

## בעמערקונגען פון אַ לעזער

וואָלטען ביי איהם אָנגעהויבען אַרומשוועבען פויגעלעך, די ערד, פון איהר זייט, וואָלט פריי אָבגעעטעמט און אַזוי ווייטער. אַזאַ מין בילד, פערשטעהט זיך, וואָלט אַ בעזונדערען איינדרוק נישט געמאַכט, מיר וואָלטען עס איבערגעהיפּערט און אַריבער צו דער ערצעהלונג ווייטער. אַ סך לעבעדיגער און געשמאַקער טרעט אַרויס פאַר אונז דער פריהלינג אָבגעשפּיגעלט אויף דעם פויער, וועלכער נאָך דעם לאַנגען, קאַלטען ווינטער „שפּאַנט דאָרט אַרום אין סעדעל אָהן אַ היטעל, בעטראַכט יעדעם יונגעם ביימעלע, טהוט עס אַ שאָקעל און פּרובט, צי ס'האָבען דעם נישט געשאָדט די ווינטערדיגע פרעסט". דאָ האָט איהר נישט קיין שמועס פון דעם מחבר וועגען פריהלינג, נאָר דאָ טרעט אַרויס דער פריהלינג, מיט זיין גאַנצער פרישקייט, לעבעדיגקייט און געזונדקייט, ווי אַזוי ער האָט זיך בעוויזען ביינוש'ען, בשעת ער האָט געעפענט זיין פענסטעריל. סך־הכל עטליכע שורות — און וואָס פאַר אַ גאַנצעס, לעבעדיגעס בילד געהט דורך פאַר אונז.

אַזוי לעבעדיג און איבערהויפּט נישט געדיכט און פיעל בעשריבען זענען די איבעריגע שילדערונגען פון דער נאַטור אין'ם „אַרום וואָקזאַל".

בערגעלסאָן טרעט אויך נישט אָב פון דער ערצעהלונג, לאָזט נישט איבער זיינע טיפען און נעמט זיך שילדערען די נאַטור, ווי ס'זענען געוואוינט עס טהון פיעל שרייבער. מען פיהרט אַרויס דעם העלד בכיון אין גאַס, אין פעלד, מען זעצט איהם אַוועק אויף אַ שטיין אָדער אויף דער ערד און מען נעמט זיך צו דער נאַטור, מען שילדערט אָב אַ בילד און דערנאָך קערט מען זיך צוריק אָב צום טיפּ און מען הייסט איהם געהן אַהיים. אין'ם „אַרום וואָקזאַל" טרעטען אַרויס די בילדער צוזאַמענגעבונדען אינאיינעם און פעסט מיט די מענשען און די נאַטור ווערט געשילדערט אויף אַזויפיעל, אויף וויפיעל זי ווירקט גלייך און אונמיטעלבאַר אויף דעם גאַנג פון דער ערצעהלונג און אויף די געגענזייטיגע פערהעלטניסען פון די מענשען. „דאָך האָט אין מיטען פריהלינג פּלוצים אויפגעהערט צו רעגענען און דאָס גראָז האָט אָנגעהויבען פערדאַרט ווערען. ווען אויף דעם וואָקזאַל האָבען די סוחרים די „זאַסוחע" דערפיהלט, האָט שוין דער שטויב געוואָקסען אויף די בוימער און אויף די גרעזער, זיך מיט ברענענדע ווינטען אומגעטראָגען אין אַויר און דונקעל געמאַכט די שיין פון לאַנגע און הייסע זומער־טעג. די סוחרים זענען שוין געווען פערשמירט און דערשראָקען בעשעפטיגט. דער שטויב איז שוין געלעגען ביי זיי אויף די פּנים'ער און די בערד, און אין די רויטע ניט דערשלאָפענע אויגען; נאָר זיי האָבען נאָך אַלץ אַרומגעשנאָרעט אין דער גרויסער וואָקזאַל־סביבה און אויסגעהאַפּט איינער ביים צווייטען קניות, זיך פון צייט צו צייט בעוויזען אויף דעם וואָקזאַל, זיך דאָרט געלאָדען, פערקויפט און צוריק געקויפט".

איך האָב זיך אפשר צופיעל אָבגעשטעלט אויף דער ריין־קינסטלערישער זייט פונ'ם „אַרום וואָקזאַל", נאָר ביי אונז איז די נאַטור־שילדערונג אַזוי פערלאָזט, אַזוי פּרימיטיוו, די פאָרמען איהרע זענען אַזוי אַלט און אָבגעלאָזען, אַז עס וואָלט באמת נישט געשאָדט אַריינברענגען אַ ביסעל ליכט אין דעם הינזיכט.

נחמן מײַזיל

## III

בערגעלסאָנ׳ס „אַרום וואָקזאַל” נעמט אַרום גאָר אַ בעזונדער שטיק-לעבען וואָס בײַ די וואָקזאַלען מיט בעזונדערע נפשות: אַלערלײַ סוחרים, מעקלער און קאָמיסיאָנערען; נפשות, וואָס לויט זײַער צאָהל פערנעמען זײַ אַזוי בעדײַטענדען אָרט אינ׳ם אידישען לעבען אין דאָך האָט מען וועגען זײַ ווײַניג וואָס געשריבען.

געשריבען האָט וועגען די סוחרים שלום-עליכם. נאָר, ווי זײַן שטײַגער איז, האָט ער אַרויסגעפיהרט נאָר די לעכערליכע און קאַריקאַטורישע זײַט אין זײַער לעבען. ער האָט זײַ אַראָבגעבראַכט אין יעהופּעץ אין דער גאַנצער קאָכעניש, טומעל און קאָפּדרעהעניש פון דער יעהופּעצער בירזשע, זײַ צוזאַמענגעשטויסען מיט דעם שטאָדטישען לעבען, מיט די שטאָדטישע מענשען. דערמיט האָט ער שאַרפער אונטערגעשטריכעלט זײַערע נאַרישע, קלײנשטעדטילדיגע געוואוינהײַטען און בעזונדערהײַטען און אַזוי האָט ער פערגרעסערט זײַער קאָמיזם. חוץ דעם האָט זיך שלום-עליכם געפלײַסט אונטערחאַפּען וואָסער ס׳איז ניט געוועהנליכע געשעהעניש, אין וועלכער דער קלײנער סוחר מיט זײַנע טיפּיש-לעכערליכע שטיקלעך, קריכט אַרויס בולט׳ער.

געפּרובט האָבען אויך אַנדערע שרײַבער, אין דער צײַט, בשעת עס איז בײַ אונז געווען די מאָדע שרײַבען וועגען אײנצעלנע טיפּען, געבען טיפּען און בילדער פון סוחרים, קאָמיסיאָנערען, מעקלער אין קלײנע עסקיזען. נאָר די קלײנע אָבגעריסענע בילדער האָבען ווײניג-וואָס איבערגעגעבען די סוחרישע וועלט און ווײניג-וואָס אָבגעשפּיגעלט אין זיך דעם סוחרישען-עולם. דער מעקלער, קאָמי-סיאָנער אָבגעריסען און אָבגעזונדערט פון דער סוחרישער סביבה האָט אַ פּנים, ווי מען וועט מאָלען אַ בוים אָבגעזונדערט פון זײַן לאַנדשאַפט. נאָר אין זײַן וועלט, צווישען די איבעריגע סוחרים און מוכרים, בײַ זײַן שטענדיגער אַרבײַט קאָן זײַן געשילדערט דער סוחר און מעקלער גאַנץ און ריכטיג. נעמט מען איהם אַרויס פון זײַן וועלט פערלירט ער זײַן אמת׳ן געשטאַלט.

דער „אַרום וואָקזאַל” איז דאָס ערשטע ווערק, וועלכע נעמט אַרום די קאָמיסיאָנערען, סוחרים, מעקלער מיט זײַער גאַנצען טאָג-טעגליכען האַנדעל און וואַנדעל, אויף זײַער געוועהנליכען אָרט, אין זײַער היים, אויפ׳ן וואָקזאַל.

אַ גאַנץ יאָהר געהט דורך פאַר אונזערע אויגען אין דעם „אַרום וואָקזאַל”. אַ וואַרימער פריהלינג מיט אַנ׳אויסזיכט אויף אַ גערעטעניש. די סוחרים האָבען מורא צו האַנדלען, פאָהרען אַרום אין דער געגענד „אַ טאַפּ טהון דעם וואָגען” און מיט חשד און האַלבע ווערטער רעדען זײַ זיך איבער אײנער מיט׳ן צווייטען וועגען דער גערעטעניש. נאָך דעם קריכען „לאַנגע הײסע זומער-טעג. די סוחרים זענען שוין פערשמירט, אָבגעברענט און דערשראָקען-בעשעפטיגט. דער שטויב איז שוין געלעגען בײַ זײַ אויף די פּנים׳ער און די בערד, און אין די רויטע, ניט

דערשלאָפענע אויגען. נאָר זיי האָבּען נאָך אַלץ אַרומגעשנאָרעט אין דער גרויסער וואָקזאַל=סבִיבה און אויסגעחאַפּט איינער בּיים צווייטען די קניות, זיך פון צייט צו צייט בּעוויזען אויף דעם וואָקזאַל, זיך דאָרט געלאָדען, געזידעלט, פערקויפט און צוריק געקויפט". און דאָ הויבען שוין אָן „פון די בּוימער האַלבּ=געלע, האַלבּ=פערטריקענטע בּלעטער פאַלען". עס בּלאָזט שוין „אַ קיהלער, חשכ'דיגער הערבּסט ווינט. עס קומען אָן טרויעריגע פאַרנאַכטען", די וואָקזאַל סוחרים פונ'ם פּחד לויפען זיך פונאַנדער אַהיים „אין בּעלויכטענע וואַרימע שטיבּלעך". גיך קומט אָן דער לאַנגער, קאַלטער ווינטער. די וואָקזאַל=סוחרים האָבּען נישט וואָס צו טהון, בּעקומען זיי נייגעריגע פּנים'ער, פון לאַנגווייליגקייט און פוסטקייט רעדען זיי נבול=פה, שפּיעלען גאַנצע נעכט אין קאָרטען און מאַכען חוזק איינער פון דעם צווייטען.

אַזוי זענען שוין מענשען. בּשעת זייער אייגען לעבּען ווערט אָן דעם גאַנצען אינטערעס, בּיי זיך זעלבּסט בּלייבּט שוין גאָרנישט, וואָס עס זאָל אָנפולען דאָס האַרץ מיט דעם מח, דאַן הויבּט מען זיך אָן פערנעמען מיט דעם צווייטענס לעבּען, מישט מען זיך און מען לעגט זיך אַריין אינגאַנצען אין דעם, און דערמיט פולט מען אָן דאָס לעהדיגע פוסטע אָרט. די וואָקזאַל=סוחרים זענען געמיינע, פוסטע מענשען. דאָס לעבּען זייערס איז קליין, פּשוט און געמיין, עס איז נישטאָ בּיי זיי זעלבּסט קיין זאַך, וועלכע זאָל זיי צוציהען און אינטערעסירען. וואָס זשע טהוט מען? בּעשעפטיגט מען זיך שטענדיג מיט דעם צווייטען, טראָגט מען איהם אינגאַנצען אין קאָפּ און מען פיהרט חשבּון פון אַלע זיינע מעשׂים. די וואָקזאַל=סוחרים זענען שטענדיג נייגעריג, זייערע מחות הונגעריג און דאָרשטיג נאָך נייע געשעהנישען, וועלכע זאָלען אָנפולען דאָס אויסגעלעהדיגטע אָרט. בּינדלעך=וויַז, בּינדלעך=וויַז שטעהען זיי שטענדיג, מען שמועסט מיט אינטערעס וועגען בּיינוש רובּינשטיין. קומט אָן אַ פּאַסאַזשיר=צוג, פערגעסען זיי בּיינוש'ען אַ ווייַלע און נעהמען זיך צום יונגען עולם, וואָס לערנט אין פערשידענע גרויסע שטעדט און פאָהרען איצט אַ היים אויף יום=טוב. „מען ווינקט שוין אויף אַנ'אויס געדאַרטען בּחור אַ עקסטערען, אַ בּעל מרה=שחורה" און מען בּעקלאָגט איהם ווערטילדיג. ס'איז געגוג, אַז אַ יונגע פרוי זאָל אויפ'ן וואָקזאַל אָנקומען און די הונגעריגע מחות פון דער וואָקזאַל=חברה ווערען שוין שכּור, מען רעדט שוין „מיט האַלבּע ווערטער, מיט ווינקען און תּנועות פון פינגער" און בּאַלד הויבּען זיי אָן „וועבּען דאָס, וואָס די ווינקען מיט די תּנועות האָבּען געמאָלט".

אַזוי מאוס און גראָבּ, פוסט און נודנע איז זייער לעבּען!

און צוזאַמען מיט דאָס אַלגעמיינע לעבּען פון די וואָקזאַל=לייט מיט זייער אַרט פערבּרענגען די צייט, מיט זייערע ציניִשע און וואָלוועלע ווערטליך טרעט אַרויס פאַר אונז אַ בּעזונדער טראַגישע פיגור פון איינעם אַ קאָמיסיאָנער בּיינוש רובּינשטיין, וועלכער איז אָבּגעבּעזונדערט פון דער גאַנצער חברה, נעמט נישט קיין אַנטהייל אין זייערע געשפּרעכען, לאַכט ניט פון זייערע ווערטלעך און שטעלט מיט

זיך פֿאַר אַ װעלטיל פֿאַר זיך מיט זײַנע אײגענע, בעזונדערע געדאַנקען און געפֿילען.

פֿאַרװאָס איז בײנוש רובינשטײן נישט אַרײַן אין דעם טײַװעלשען קאַראַהאָד פֿון די איבעריגע װאָקזאַל=סוחרים, און װאָס אַזױנס האָט איהם אָבגעריסען פֿון זײ און אַװעקגעשטעלט איהם גאָר אָן אַ זײַט? מיר טרעפֿען איהם „אין מיטען פֿלאַץ, װי אַ פֿערגעסענעם און איבערגעלאָזטען" און צו דער ערשטער בעקאַנטשאַפֿט גיט איבער דער מחבר װעגען איהם, אַז בײנוש'ען „טהוט שטאַרק באַנג אַ למאַי סוחרים פֿערדיענען און ער עסט גרײט געלד. ער האָט דערפֿאַר די סוחרים פֿײַנד, טראַכט פֿיעל און בײַסט די נעגעל". און נישט צופֿעליג איז ער אָבגעבעזונדערט פֿון די סוחרים און פֿערהאַסט זײ. בײנוש רובינשטײן איז, אי לױט זײַן ספּעציפֿישען חאַראַקטער און אײגענאַרטיגען אַרט קלערען און דענקען, אי לױט די בעזונדערע אױסערע בעדינגונגען, אין װעלכע דאָס לעבען האָט איהם אַװעקגעשטעלט, צו=געפֿיהרט דערצו, אַז ער זאָל אָבגעפֿרעמדעט װערען פֿון די װאָקזאַל=סוחרים און דערװײַטערט װערען פֿון זײ. דער גאַנצער עולם לעבט, װי ס'לעבט זיך, זײ שטעלען דאָס לעבען קײנע שאלות און פֿאָדערונגען, קוקען מיט װערטעלדיגע אױגען אױף דער װירקליכקײט, װי שװער זי איז ניט, און בײנוש איז אַ דערשלאָגענער, פֿול מיט איבערגעשראָקענע געדאַנקען, האַרצרײַסענדע געפֿיהלען, קוקט מיט אַ מרה=שחורה'דיגען בליק אױף דאָס איצטיגע לעבען און שרעקט זיך פֿאַר דער צוקונפֿט.

אַלײן איז בײנוש אַ יחסן: זײַנע עלטערען זענען אַמאָהל רײַך געװען. איצט זענען זײ יורדים און בעקומען פֿון שטאָדט=קצבה. ער אַלײן איז אַ למדן, אַ פֿרײַער, אַ שטיק=קבצן מיט פֿערבליבענע בית=המדרש טיעפֿקײַט. זײַן ערשטע פֿרױ, אַ שעהנע און קלוגע, איז געשטאָרבען, און נישט לאַנג האָט ער חתונה געהאַט מיט דער צװײטער װײַב, אַ קלײנע, קראַנקע, גרינגע און שטענדיג מרה=שחורה'דיגע. ער האָט זי פֿײַנד און קען איבער איהר אַהײם נישט קומען, די געשעפֿטען זײַנע געהען זעהר שלעכט, ער פֿערדיענט גאָרנישט און עסט גרײט=געלד. ער פֿערגינט ניט פֿאַרװאָס מענשען האָבען הנאה פֿונ'ם לעבען, און ער איז אַ קבצן; זײ אַלע האָבען אַ הײם, און אױף זײַן שטוב הענגט שטענדיג אַ שלעסעל. טראָגט ער „אַ פֿערדראָס אױף זײַן װײַב, אַ פֿערדראָס אױף די סוחרים, װעלכע פֿערדיענען, אַ פֿערדראָס אױף דאָס גאַנצע לעבען, װעלכע פֿיהרט זיך ניט אַזױ, װי ס'דאַרף צו זײַן, און טהוט אַלץ אױף צו להכעיס". האָבען איהם דערפֿאַר די סוחרים פֿײַנד, זענען צופֿריעדען פֿון זײַנע יסורים, טײַטלען אױף איהם מיט די פֿינגער און קװעלען אָן פֿון פֿיװניאַק'ס חוזק מאַכען פֿון איהם.

און אױסגעלאַכט פֿון אַלעמען, פֿערהאַסענדיג די גאַנצע װאָקזאַל=סביבה, װערט בײנוש צוגעצױגען צו איציק=ברוד'ן, דער אײנציגער יונגער=סוחר אױפ'ן װאָקזאַל, װעלכער שטעהט העכער פֿון די װאָקזאַל=סוחרים, איגנאָרירט זײ אינגאַנצען און פֿיהרט זיך זײַן אײגען אַרט לעבען. בײנוש װערט אױך בעפֿרײַנדעט מיט קלאַראַ, אַ פֿרישער, אָנגעקומענער נפֿש, װאָס איז „מאום אַרײַנגעפֿאַלען" אין דעם װאָקזאַל

**41**

## בעמערקונגען פון אַלעזער

וועלטיל און לײַדעט אויך זעהר פיעל פון דער מאוסער סביבה. פאַר איציק ברוך'ן און קלאַראַ'ן דעקט בײַנוש אויף זײַן ביטער האַרץ און דערצעהלט אויס זײַנע שווערע און דערשראָקענע געדאַנקען.

און ווי בײַנוש פערהאַסט נישט די וואָקזאַל=לײַט, ווי נמאָס עס איז איהם נישט די סביבה, פערדיענט ער נאָר אַ ביסעל געלד, אַזוי ווערט ער באַלד אַנדערער מענש, הויבט אָן שמײכלען צו זיך, פערגעסט בײַסען די נעגעל, קלערט: „אַז מען וויל צוריק... זענען דאָך מענשען, אַדרבאָ, גאָרניט אַזוי שלעכט" און הויבט שוין אָן זעהן זיסע, גוטע חלומות.

און אַז דער וואָקזאַל הויבט איהם אָן ווידער וואַרגען, זוכט ער אויסוועגען, ווי פערלאָזען די שווערע סביבה. עס געהט אַרויף בײַ איהם אַ געדאַנק אַ מלמד צווערען, שפּעטער, זיצענדיג אַרעסטירט אין אַנ'אײַנגען קאַמער פאַר אַ פּאַטש, וואָס ער האָט אין פערביטערטען כעס פּיוניאַק'ן געגעבען, טראַכט ער וועגען זעלבסט=מאָרד, וויל שלאָף ווערען, בעט אויף זיך אַ קרענק. ער איז אָבער זעהר שוואַך צו טהון וואָסער ס'איז דרײַסטען טריט. דאָס איז דער טיעפער, האַרצרײַסענדער, גריבעלינדיגער טראַגיזם און צוזאַמען מיט דעם אַזאַ פערשטיקטער, פערדריקטער, מיט אָבגעהאַקטע פליגלען —, אַנאֶמת'ער אידישער טראַגיזם!

גאָר פערבײַגעהענדיג, אָהן שום אָנגעשטרענגקײַט פונ'ם אויטאָר'ס זײַט, געהט דורך נאָך אַ שטיק לעבען פון אײַנע אַ פרוי, אַ שטילע, אַ געהײַמע, וועלכע איז „מאוס אַרײַנגעפאַלען" אין דער מאוס'ער, גראָבער וואָקזאַל=סביבה און טראָגט אויף זיך איהר שווערע לאַסט.

„אַ מיטעל=וואוקסיגע און גלײַכע מעדעל... מיט אַנאײַדעלען און שוואַרצחנ'דיגען פּנים און שוואַרצע און קלוגע אויגען, וואָס האָבען געלויכטען און געטויבעלט זיך אין טרוימען". „אַלעס האָט איהר אין לעבען ליעגען געזאָגט און זי איז אַ נאַר געווען און געגלויבט. האָט זי נאָכדעם אַליין ליעגען געזאָגט, האָט מען איהר אויך געגלויבט... ליעב געהאַט אײנעם און חתונה געהאַט פאַר אַ צווײַטען". דער צווײַטער איז אַ וואָקזאַל=סוחר, אַברהם'ציק קויפמאַן, אַ פּוילער פּוסטער בחור, וואָס האָט אַ פּוסטען מח „מיט שמעלצענדיגע סוחר'ישע געדאַנקען". קלאַראַ קומט אָן אויפ'ן וואָקזאַל, צווישען די פערדאָרבענע און ניעדריגע סוחרים, וועלכע האָבען צום ערשטען בעגעגעניש אָבגעמאָסטען איהר ווײַבליכקײַט און זיך גראָב געווערטעלט וועגען איהר: „דוקאָ אַנ'אײַדעלע, נאָך... און אַ פאָר..." און אײַנער „אַ הויכער און געזונדטער קאָמיסיאָנער מיט אַ פעטען רויט=נאַרישען פּנים און גרויסע פערדרעהטע וואָנצען", וועלכער האָט „אין משך פון זײַן פּוסטען לעבען פיעלע אינטריגעס געהאַט מיט אויך אַ זעלכע געזונדע און נאַרישע ווײַבלעך", — איהם איז קלאַראַ געפעלען און ער בערימט זיך, „אַז ער וועט נעשווינד מיט איהר אַ אינטריגע פערפיהרען". די סוחרים האָבען איהם געגלויבט און מקנא געווען. און דער עולם ווערטילט זיך אַלץ גראָב און ציניש, און אַלע לאַכען און צוזאַמען מיט אַלעמען לאַכט אויך „אַבדהם'ציק אַליין, גלײַך ווי די אײַדעלע חנ'ודיגע נקבה, וועגען

װעלכער מען האָט זיך דאָ געװערטעלט, װאָלט מיט איהם ניט מעהר שייכות געהאַט, װי מיט די איבעריגע, און אויף דעם װאָקזאַל װאָלט זי אַראָבגעבראַכט ניט ער, נאָר גאָר אַ צװייטער, זמטיגער און פרעמדער, װעלכער איז שוין איצט דאָ נישט געװען״.

זעהר גיך הייבט קלאַראַ אָן פיהלען די אַרומיגע שװערע סביבה, אין װעלכער זי איז אַרייַנגעפאַלען, און מוראָ׳דיג פוסט און אומעטיג װערט איהר. זי בלאָנקעט אַרום צװישען דער װערטיל־פּרעהליכע חברה אַנ׳איינזאַמע און אַנ׳אָבגעפרעמדעטע.

און װי מאָדנע איז עס: די צװיי בעזונדערע און פון גאָר פערשידענע װעלטען נפשות, ביינוש רובינשטיין און קלאַראַ, זיי ביידע, װעלכע פיהלען, יעדער פאַר זיך, די גאַנצע שװערע און מאַטערע לאַסט פון דער פרעמדער און פערהאַסענדער װאָקזאַל־סביבה, זיי ביידע האָבען קיין מוט נישט אַרױסרייסען זיך פון דעם װעלטעל און זיי בלייבען פאָרט איבער ביים װאָקזאַל.

ביינוש, נאָך אַלע שלעכטע און שטעכענדע בעציהונגען פון די סוחרים צו איהם, נאָך די אַלע געדאַנקען װעגען מלמדות, זעלבסט־מאָרד און ענטלויפען פונ׳ם װאָקזאַל, נאָך די אַלע געשעהנישען װאָס זענען אַריבער אויף איהם, — פּועלט ביי זיך װידער בלייבען אויפ׳ן װאָקזאַל, פאָהרט שוין װידער צוזאַמען מיט פּיוניאַק׳ן קויפען באַבאַק און קלערט שוין װעגען אָנשרייבען אַ בריעף צו זיין מאַמע. און פערהאַסטער װייב. און קלאַראַ, װי מאוס, אומעטיג, נידריג איז איהר נישט צו װאָהנען אויפ׳ן װאָקזאַל מיט דעם פוסטען, גראָבען אַברהמ׳ציק, װי שטאַרק זי פערהאַסט נישט די ציניש, געמיינע סוחרים מיט זייערע נאַרישע און װאַלװעלע װערטליך, — הויבט זיך ביסלעכװייז אָן צוגעװאוינען, שמייכעלט צו צו די סוחרים און װייבער הויבען שוין אָן אונטער רעדען װעגען איהר...

אַזוי טראַגיש און דאָך אַזוי שטיל און אויסגעהאַלטען געהט דורך דאָס אַלעס. נישט זוכענדיג דאָרט קיין לעבערליכע שטריכען, נישט אונטערשטריכענדיג די גראָבע און ציניש געדאַנקען און געפיהלען, נישט לויפענדיג נאָך אינטערעסאַנטע און איבעראַשענדע סצענעס, נאָר געבענדיג דאָס װאָקזאַל־לעבען אין זיין געװעהנ־ליכען טאָג־טעגליכען גאַנג מיט זיינע געװעהנליכע טאָג־טעגליכע האַנדלונגען, — בעקומען מיר אַזאַ פולען און פאָלשטענדיגען בעגריף פון דאָס נודנע, פוסטע לעבען, פון די קליינע, געמיינע מענשלעך מיט אַלע זייערע גראָבע און מאוסע פערהעלט־ניסען און געװאוינהייטען.

אַזוי געװעהנליך און אויסגעהאַלטען און דורך אַזוי טראַגיש — טיעף!

אונזער יונגע אידישע ליטעראַטור איז בערייכט געװאָרען מיט אַ נייעם טאַלאַנט, װאָס האָט מיט אַמאָל געבראַכט זעהר פיעל. דער „אַרום װאָקזאַל״ װעט, אָהן צװייפעל, פערנעמען אַ שעהנעם אָרט אין דערװייל נאָך שיטערע רייהען פון טאַלאַנטפאָלע װערק אין אונזער ליטעראַטור און װעט זיך רעכענען ביי אונז איינע פון די אָנגעזעהענסטע ביכער.

נחמן מייזיל.

מינחם אב תרס״ט.

# דבורה כּאַראַל

דבורה כּאַראַל איז דוד בערגעלסאָנס פּלימעניצע. מיר ברענגען דאָ אַ פּאָר פראַגמענטן פון אירע זכ־רונות, געדרוקט א.ג. „לירישע העפטן" אין „סאָוועטיש היימלאַנד", נומערן 2 — 1968 און 3 — 1969.

צווישן צוויי וועלדער — באַנדאַר און דויזשעק — אין אַ טאָל אונטער אַ בערגל ליגט דאָס שטעטל אָכרימאָווע, אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן מיט דאָרפישן הייזער. צוויי ברייטע שליאַכן ציען זיך אין דער ווייט.

איין שליאַך שלענגלט זיך באַרג־אַראָפּ פאַרביי דעם וואַלד באַנ־דאַרי; ער פירט צו דער באַן און אויך קיין אומאַן. דער צווייטער שליאַך פירט אין שטעטל מאָנאַסטירישטשע.

אין 1884 איז אין שטעטל אָכרימאָווע, קיעווער גובערניע, גע־בוירן געוואָרן באַ מיין זיידן רפאל בערגעלסאָן דער מוזיניק דוד.

מיין זיידנס עלטסטע טאָכטער, בת־שבע, איז מיין מאַמע. איך בין געבוירן געוואָרן אין 1894. אין דעם יאָר איז מיין זיידע רפאל בער־געלסאָן געשטאָרבן.

אין אונדזער היים איז געבוירן און געוואַקסן דוד. ער האָט גע־צויגן זאַפּט און קראַפט פון אירע וואָרצלען און צעוואַקסן זיך אין אַ וווּנדערלעכן דעמב.

*

אין 1904 פאָרט דוד אַריבער קיין קיעוו. ער וווינט באַ זיין עלטערן ברודער יאַנקל בערגעלסאָן. דער פעטער יאַנקל האַנדלט מיט וואַלד, ווי דער זיידע. די שטוב איז באַם פעטער אַ פריילעכע.

דער פעטער יאַנקל האָט ליב, ווי דוד, א שפּאַס טאָן, זאָגן אַ גלייכ־ווערטל, אויך הערן מוזיק. ער לאָזט נישט דורך קיין איין קאָנצערט אין „קופּעטשעסקע”. דוד לעבט ביי בײַ, ווי אין אַן אייגענער היים. די מומע לאה׳קע איז שרה־חנה מייזילס אַ שוועסטער. נחמן מייזיל איז שרה־חנהס זון און דער מומע לאה׳קעס פּלעמעניק.

*

ווען מיר זיינען אַריבערגעפּאָרן קיין קיעוו בין איך אָנגעקומען און זעקסטן קלאַס גימנאַזיע.

חוץ דודן און דעם פעטער יאַנקל האָט די מאַמע אין קיעוו קיינעם ניט. זי איז צוגעבונדן צו אירע ברידער. מיר, קינדער, ציען זיך צו זיי, און ווען דער גוטער פריילעכער פעטער יאַנקל קומט צו אונדז פון פּאָדאָל מיט אַ שאַכטעלע שאָקאָלאַד, ווערט בײַ אונדז פריילעך אין אַלע ווינקעלאַך.

שבת׳צענאַכטס און אין יום־טובים גייען מיר מיט אונדזער גאַנצער משפּחה צום פעטער יאַנקל אַף פּאָדאָל. דעם פעטערס שטוב איז אַ געמיטלעכע. מיר טרעפן אַ סך מענטשן. די מומע לאה׳קע האָט אַ גרויסע צעצווייטע משפּחה. אירע שוועסטער און ברידער וווינען אַלע אַף פּאָדאָל. זיי קומען מיט זייערע קינדער צום פעטער יאַנקל. דאָרט האָב איך זיך באַקאַנט מיט דער משפּחה מייזיל. שרה־חנה מייזיל, נחמנס מאַמע, איז דער מומע לאה׳קעס אַ שוועסטער. נחמן, יאַנקל און יחיאל זיינען די עלטערע קינדער אין דער משפּחה מייזיל. די עלטסטע פון די מיידלאַך איז איטע. זי איז מיט מיר אין איינע יאָרן. יאַנקל (דער מיטלסטער) טראָגט אַ רויטלעכע באָרד. ניט קיין גרויסע, אַבער אַ באָרד. מיר איז ביז דאַן נאָך ניט אויסגעקומען צו זען אַ ייִנגל מיט אַ באָרד. ווען איך האָב דערזען ישראל מייזיל מיט זיין גרויסער רויטלעכער באָרד האָב איך זיך פאַרפלאָנטערט. מיר איז

די ברידער יאַנקל און יחיאל מייזיל, דוד בערגעלסאָן.

מלכה וואָרטמאַן (סקאָמאָראָווסקי), אסתר־לאה׳קע וואַרשאַווסקי (הענדלערפעל), שרה־
לאה׳קע בערגעלסאָן (וואַרשאַווסק

מייזיל (וואַרשאַווסקי), בוזיע מייליכזון (וואַרשאַווסקי).
שרה־ריסל וואַרשאַווסקי, אידעס (יהודית) פינקלשטיין (וואַרשאַווסקי).

שרה־חנה מייזיל (וואַרשאַווסקי)



ר׳ ישראל מייזיל

געווען שווער אונטערצושיידן, ווער איז דער טאַטע און ווער איז דער זון. איך האָב בסוד אַ פרעג געטאָן: „ווער איז דאָ יאַנקל?" מיין „סוד" איז זייער געפעלן געוואָרן. מע האָט אים אַנטפּלעקט און פריילאַך געלאַכט. פון דאַן אָן, ווען יאַנקל פלעגט מיך באַגע־גענען, פלעגט ער מיט אַ שמייכל פרעגן:

„איז ווער בין איך — דער טאַטע צי דער זון?"

*

נחמנס עלטערן זיינען געווען זייער פרום. זיי זיינען ניט צופרידן פון דודס ווירקונג אַף נחמנען (דוד האָט נאָך אין אָכרימאָווע גע־רייכערט אום שבת פּאַפּיראָסן. דוד האָט זיך געגאָלט, נחמן האָט אויך זיך אָנגעהויבן גאָלן). די מיזינקע אין שטוב, מוני, איז נאָך אַ קליינינקע. זי איז דער ליבלינג ביי די ברידער. הערנדיק, פון וואָס מע רעדט אין שטוב, פּרוּווט זי זיך אַרויסהעלפן נחמנען. זי זאָגט: „גאָט האָט באַשאַפן אַלע מענטשן מיט בערד, אָבער נחמנען האָט ער באַשאַפן אָן אַ באָרד".

*

איינמאָל אין אַ יום־טוב האָבן מיר געטראָפן באַם פעטער יאַנקל אַ גרויסן עולם. איך האָב דאַן געלערנט אין 8־טן קלאַס גימנאַזיע. אין בין געווען אָנגעטאָן אין מיין נייער ברוינער פאָרמע, וועלכע האָט מיר געפאַסט. איך האָב מיינע ציעשאָטענע האָר פאַרנומען אַף אַרויף מיט אַ העל־רויטער סטענגע. זי האָט געפאַסט צו מיין ברוינער פאָרמע, צו מיינע האָר און אויך צו מיינע 17 יאָר. איך האָב וועגן דעם אַלץ געוווּסט, און מיר איז געווען גרינג אַפן האַרצן.

באַם פעטער יאַנקל אין שטוב האָט זיך די יוגנט אָפּגעטיילט אין אַ באַזונדערן צימער. פאַר די עלטערע איז געווען געגרייט אַ טיש אין

„סטאָלאָווע״, פאַר אונדז — אין אַ צווייטן צימער. מע האָט אונדז געבראַכט אַ גוטע וועטשערע און אַ סך ווײַן. דאָס פריילעכע געלעכטער האָט נישט אויפגעהערט צו הילכן באַם טיש, ווײַל דוד און נחמן האָבן זיך גע׳חכמ׳עט און יאַנקל און יחיאל האָבן אַלעמאָל אונטערגעגאָסן ווײַן אין אונדזערע באָקאַלן. נחמן איז געזעסן לעבן מיר און אַכטונג געגעבן מען זאָל מיך נישט פאַרטיילן. אַנטקעגן מיר איז געזעסן איטע. איר ליב פּנים האָט געשײַנט פון גליק. אַלץ האָט אַרויסגערופן אַ פריילעך געלעכטער, אַפילו אַן איבערגעקערטע פלאַש ווײַן אַפן טישטעך.

שפּעטער מיט עטלעכע טעג, ווען דוד איז געקומען צו אונדז, האָט ער לאַנג געקוקט אַף מיר, צאַרט געגלעט מײַנע האָר און געזאָגט: „נחמן זאָגט, אַז דו ביסט אַ שיינע״. דודס ווערטער האָבן מיך שטאַרק דערפרייט. נחמן טראַכט אַזוי וועגן מיר און וועגן דעם ווייסט שוין דוד. און דער עיקר, וואָס אַזעלכע אומגעווײנלעכע מענטשן האָבן געפונען צײַט וועגן מיר צו ריידן.

אין איטע מייזיל איז דאַן געווען פאַרליבט אשר שוואַרצמאַן. ער פלעגט קומען צו די מייזילס פון דעמיעווקע און אַף אויסווייניק לייענען זײַנע לידער. געלייענט האָט ער האַרציק און אויסדריקלעך. איטע האָט זיך געפרייט: אין איר איז פאַרליבט נישט קיין פּשוט יינגל, נאָר אַ פּאָעט און אַזאַ אינטערעסאַנטער ווי אשר, וואָס האָט שוין דעמלט זיך אויסגעטיילט אין זײַן סביבה.

*

דוד האָט זיך באַקאַנט מיט נחמנען אין 1897 יאָר, נאָך אַפן פעטער יאַנקלס חתונה.

איינגיכן האָט דוד זיך שטאַרק באַפרײַנדעט מיט נחמנען. נחמן האָט דאַן פאַרטרויט דודן, אַז דאָס טײַערסטע אין זײַן לעבן איז

ליטעראַטור. דוד, וואָס איז דאַן אַלט געווען 13 יאָר, האָט פּאַרטרויט נחמנען, אַז ער טראַכט צו אייגענע שורות.

באַגעגענען זיך באַם פעטער אין שטוב דוד מיט נחמנען. זיי ווערן גוטע חברים. נחמן האָט צוויי קלענערע ברידער: יאַנקל און יחיאל. אַלע דריי האָבן ליב דודן. מע לעבט ווי איין משפּחה. דוד לייענט זיי זיינע ערשט־אָנגעשריבענע שורות. די געשטאַלטן פון דודס בוך — דאָס זיינען לעבעדיקע מענטשן, וועלכע קומען אַריין צו די ברידער אין שטוב.

אַלץ וואָס דוד שרייבט אָן, לייענט ער איבער פאַר די ברידער. מיט גרויס ליבע און איבערגעגעבנקייט באַטראַכטן זיי דודס יעדע שורה. עס טרעפט אַמאָל, אַז עמעצער מאַכט באַמערקונגען, נאָר דוד שטייט איינגעשפּאַרט אויף זיינעם.

דעם ערשטן וואַריאַנט פון „אָרום וואָקזאַל” האָט דוד אָנגע־שריבן אין העברעיש און אָנגערופן אים „ריקות”” (פּוסטקייט) — איטע האָט מיר דערציילט וועגן דעם. יאַנקל און יחיאל האָבן איבערגע־שריבן דעם טעקסט אויף ריין. נחמן האָט צוגעקלעפּט אַ מאַרקע פאַר 6 קאָפּיקעס און אַוועקגעשיקט „ריקות” קיין ווילנע. און אַלע פיר האָבן געוואַרט אויף אַן ענטפער. געוואַרט און געוואַרט און זיך נישט דערוואַרט. ווען נחמן האָט אָנגעפרעגט די רעדאַקציע דורך אַ בריוו, האָט ער באַקומען אַן ענטפער: „ווען אונדז געפעלט — דרוקן מיר. און אויב אונדז געפעלט ניט — דרוקן מיר ניט און דער אויטאָר פאַרשטייט שוין אַליין דעם ענטפער”..

אינגיכן האָט דוד דעם ראָמאַן אָנגעשריבן אין יידיש און אים אַ נאָמען געגעבן „אָרום וואָקזאַל” און צוזאַמען מיט נחמנען האָט ער אים אָפּגעפירט קיין וואַרשע. דאָרט איז דאָס ווערק אָפּגעדרוקט געוואָרן אין פאַרלאַג „פּראָגרעס” אויפן אויטאָרס חשבון.

בראָניע סקאָמאָראָווסקי, איטע וואַרשאַווסקי, ראַיאַ בערגעלסאָן, גיטל מייזיל

די שוועסטער מייזיל: איטע, רחל, גיטל, מונקע

„אַרום וואָקזאַל" האָט אַרויסגערופן באַגייסטערטע רעצענזיעס פון א. ווייטערן און ש. ניגערן.

ווען עס דרוקט זיך „אַרום וואָקזאַל" ברענגט פון דער דרוקעריי צו נחמנען אַהיים די גראַנקעס און מען באַהאַנדלט זיי.

*

באַ די ברידער מייזיל קלייבט זיך צונויף די קיעווער יידישע יוגנט — שרייבער קינסטלער, אַרטיסטן. דער מומע לאה׳קעס פאָטער בערל־יצחק וואַרשאַווסקי האָט ניין זין און טעכטער און 42 אייניקלאַך. איינער פון זיי איז זוסיע סקאָמאָראָווסקי. זיין פרוי סאָניע איז דער פּראָטאָטיפּ פון מירעלען אין „נאָך אַלעמען".

דוד האָט זיך אַקטיוו באַטייליקט אין די אימפּראָוויזירטע אָוונטן, וואָס זיינען גאַנץ אָפט פאָרגעקומען אין הויז פון די מייזילס, ווו ס׳פלעגן זיך צונויפזאַמלען שרייבער, אַרטיסטן, מאָלער.

פון די שרייבער זיינען דאָרט אָפט געווען, חוץ דודן, דאָברושין, דער נסתר, נוח לוריע, אשר שוואַרצמאַן און אַנדערע.

אָף די אָוונטן באַ די מייזילס האָט מען ניט בלויז געלייענט אייגענע ווערק, נאָר אויך פאַנאַנדערגעקליבן די בעסטע און דאַן פּאָפּולערסטע ווערק פון די רוסישע שרייבער און פון דער וועלט־ליטעראַטור: קופּרין, אַנדרייעוו, האַמסון...

האַמסונס „וויקטאָריאַ" האָט געלעבט אין שטוב ביי די מייזילס, ווי אַ לעבעדיקע. שפּעטער האָט איר אָרט פאַרנומען מירעלע. מען פלעגט אין אַ שמועס ברענגען: „מירעלע האָט געזאָגט", גלייך ווי מירעלע זאָל זיין אַ קאָנקרעטער לעבעדיקער מענטש און טאַקע פּראַקטיש אין לעבן האָבן אַרויסגעבראַכט די אָדער יענע פּראַזע...

דוד בערגעלסאָן, נחמן מייזיל, שמריהו גאָרעליק (זיצט) אין קיעוו,
בעתן אַרויסגעבן דעם „יידישן אַלמאַנאַך“ אין יאָר 1911.

נחמן מייזיל.

# וועגען בערגעלסאָנ׳ס

# „נאָך אַלעמען״.

קולטור-ליגע
קיעוו

נחמן מײַזיל.

## װעגן בערגעלסאָנ'ס

# „נאָך אַלעמען".

קולטור־ליגע
קיעוו

Скоропечатня І. Шенфельда, Кіевъ, Александровск. площ. 10.

מענשען, וואָס ווערען געבוירען אין אזעלכע הייזער — — —
און ביי אזעלכע עלטערען.

בעהאלטענע ירושה־אוצרות פון פארצייטיגע דורות, וואָס שטאמען פון אלטע אידישע גדולים, רייכקייט און אינהאלט, איינגעוואָרצעלטע אין דער טיעפקייט פון דעם הארץ און מח, א מאָדנע ציכטיגקייט און בלאַנקענדיגע ריינקייט אינעווייניג, איינגעהאלטענע שטאָלצע צניעות, ליעבע צו בעהאלטען זיך פינ׳ם פרעמדען אויג און אויער און שטענדיגע אונצופריעדענקייט מיט זיך און מיט אלעם ארומיגעם.

אין שטוב ביי זיי, ביי די הורוויצעס, הערשט שטענדיג א שטילע, איינגעהאלטענע שטימונג פון בין־השמשות־צייט, פון זונען־אונטערגאנג. עפּיס איז געווען, וואָס האָט אמאָל, נישט לאנג, אזוי געלויכטען, אזוי געוואַרימט, איצט איז אָט דאָס עפּיס שוין פאָריבער פערגאנגען, און עס איז געבליבען נאָך הייגגען אין דער לופט דער שוואכער אָפּגלאַנץ, דער שטילער פארביגער אָפּגלאַנץ פון דער שיין און די בייַנקשאפט פון אוועקגעהענדיגעם און אויסגעהענדיגעם הערשט דאָרט אין שטוב א שטילקייט, נישט מ׳קען דאָרט הילכיג ריידען און נישט ס׳איז מעגליך דאָרט א שטארקען טראָט געבען.

און די שטוב אינגאנצען מיט איהרע עטליכע מענשען איז ווי איינגעהילט אין א שאָטען, און א שאָטען שוועבט ארום איבער אלעם, וואָס אין שטוב און אויף די לעבעדיגע מענשען. ר׳ גדליה הורוויץ אליין איז א שטילער הארציגער איד, וואָס רעדט ווייניג, און קען הויך נישט ריידען, מיט א צניעות׳דיגען חן פון א תלמיד

חכם, דער חן, וואָס ליגט אויסגעגאָסען אויף אַלע זיינע תנועות, אויף זיינע ליעבע=שמייכלענדיגע אויגען און אויף זיין גאַנצער איידעלער פיגור. ער האָט אין זיך אַזוי פיעל קינדערשס, און מען בעגעהט זיך מיט איהם, ווי מיט א קינד. ער פיהרט זיך זיין וועלט, מיט א גוט=גרינג שמייכעלע אויף דער שפּיץ=נאָז און מיט א גיבען=לייכטען כ'נייטש מיט זיינע איידעלע פּלייצעס.

ווען די געשעפטען זיינע געהען אוועק שלעכט, און עס בלייבט שוין גאָרנישט מיט וואָס צו ענטפערען די בעלי חובות, שיקט מען איהם אָפּ קיין אויסלאַנד. ר' גדליה טראַכט נישט איבער, פאָהרט אָפּ אַהין, אָבער באַלד בּיינקט ער פון דאָרט, ווי א קינד נאָך זיין מוטער און בעט זיך, מ'זאָל איהם צוריק אַהיים לאָזען פאָהרען. מיט אַזא מין שטילער צניעות און בעהאַלטענע יסורים ווערט ער מסוכן שלאַף און מיט זיין ליכטיגען, לייכטען שמייכעל ציהט ער זיינע לעצטע טעג.

ר' גדליה איז שטענדיג יום=טוב'דיג, און איהר זעהט איהם שטענדיג אין א פּאָרזיכטיג=הייליגער שטימונג און אין א שוואַרצען סורדוט. ער טראָגט אַרום אין זיך גאָט=פאָרכטיגעס און א מין שטאָרצע אייגענאַרטיגקייט פון אַמשטערדאַמער יודען און אינעווייניג ציהט ער אַלץ דעם פּאַדים פון אַט יענעם לעבען. ער אַליין און זיין שטוב זיינען ווי אָפּגעטיילט פון דאָס איצטיגע יודישע לעבען. זיי שטעהען אָן דער זייט און קאָנען נאָך נישט אָננעמען אַט די אַלגעמיינע איצטיגע לעבענס=פאָרמען. און אַלע פון דער זייט פיהלען טאַקי אַנ'אונבעוואוסטען דרך=ארץ פאַר דער שטוב און פאַר די שטוב=מענשען און וויניג=וויניג פון דעם שטעדטיל קערען זיך אָן מיט זיי. דער איינציגער איז אברהמ'ל דער רב, וועלכער האָט א צוטרעט אַהין און אויך ער פיהלט צו זיי א יראת הכבוד.

גיטעלע, ר' גדליה הורוויצעס ווייב, איז אויך א שטילע, שוויגענדיגע, זי רעדט גאָר וויניג, גלייך ווי זי שעמט זיך רייד'ען. זי איז ביי זיך גאָרנישט, האָט קיינעם נישט וואָס צו זאָגען און

פיהרט זיך, בעהאלטען פון אלעמען, איהר וועלט׳ל, וואָס איז אינ־
גאנצען געקניפּט און געבונדען מיט איהר מאן, ר׳ גדליה. ווען ער
פאָהרט אָפּ, בּײַנקט זי נאָך איהם שטילערהייד, שטעהט פרייטאָג
פארנאכט אין פענסטער און קוקט ארויס אויף זיין קומען.
און ווען ר׳ גדליה שטארבט, שטארבט זי אויך אָפּ מיט איהם, ווייל
קיין אייגענס, אָהן זײַן לעבען, האָט זי נישט און זי פאָהרט אוועק
אינגאנצען פון דער שטוב ערגיץ־וואו קיין אויסלאנד, צו א שוועסטער.

ר׳ גדליה האָט פאר א צווייטען זייטיגען מענשען א שמייכעל,
א שמייכעל נישט מיט׳ן פּנים, נאָר אויף דער שפּיץ־נאָז, און גיטע־
לען פעהלט שוין אָט דער שמייכעל אויך, זי געהט ארום איבער׳ן
שטוב, זיצט שטיל, שווייגענדיג ביים טיש, עניות׳דיג און שעמעוודיג,
ווי אנ׳עדות פון אמאָליגער גרויסקייט און אמאָליגען לעבען.

און אלע לעבען אין שטוב שטיל, אָהן גערודער, איינער מיט
גרויס דרך־ארץ פאר׳ן צווייטען, און, דער עיקר, אָהן קיין ווילען
אריינדרונגען אינ׳ם צווייטענס לעבען. ר׳ גדליה לעבט שוין מיט
גיטעלען וויפיעל יאָהר און ער האָט שוין געוויס קיין הויך וואָרט
אויף איהר נישט אויפגעהויבען און קיין שטרײַנגען בליק אויף איהר
נישט געוואָרפען.

מיר קענען זיך בשום אופן נישט פאָרשטעלען, אז ביי
ר׳ גדליה הורוויץ׳ען זאָלען עטליכע קינדער זיין און נאָך זכרים, לע־
בעדיגע און בעוועגליכע, און זיי זאָלען אָנפילען די שטוב מיט
קינדערשע שטיפעריי און טומעל. אָט די שטילע איינגעהאלטענע
אין זיך עצבות דארף שוין שטענדיג שוועבען איבער דער שטוב,
ביז זי וועט אין איינעם א טאָג אינגאנצען פוסט ווערען און מיט
ברעטליך פערקלאפּט שטעהן בלייבען.

אין אָט דער שטוב ביי איהרע עלטערען, ר׳ גדליה און גי־
טעלע׳ן, ווערט געבוירען, וואקסט און ערציהט זיך מירעלע.

און זי האָט אין זיך די אייגענשאפטען פון איהר פאָטער און
מוטער און פון דער שטוב.

מיר זעהען זי קיינמאָל נישט וואָכעדיג, און קיין הילכיג קול און שטאַרקע בּעוועגונג טוט זי נישט. דעם פּאָטערס גוטמוטיגע בּעהארצקייט, שטאָלצע, אינערליכע רייכקייט און דער מוטערס שטילעס און שוויַיגענדיגעס לעבּען און בּעציהונג צום לעבּען.

זי איז פּערהילט ווי אין א נעפּיל, א מין היפּעל איז איבּער־געצויגען אויף איהרע אויגען, אויף איהר מח און געפיהלען און עס דוכט זיך, אז נישט זי זעהט קלאָר, נישט זי קען די וועלט בּענע־מען קלאָר און נישט זי איז אימשטאנד קלערען און בּעטראכטען קלאָר. זי נעמט נישט־צו איין זאך אין איהר לעבּען גלייך און אונמיטעלבּאר. אָט דער נעפּיל, וואָס פּערהילט זי איינגאנצען, דער־לאָזט נישט די לעבּענס־געשעהענישען זאָלען ארויסרופע־אויף איהר בּאלדיגע און גלייכע ווירקונג. בּיז די געשעהעניש דער־גרייכט צו איהר מח, געהט עס איבּער דורך איהרע געפיהלען און איהר פּסיחיק אזוי, אז עס ווערט בּעפארבּט מיט גאָר אנ׳איי־גענארטיגער פארבּ. מירעלע בּענעמט א זאך, פריהער פון אלעס, מיט איהר געשמאק, מיט׳ן חוש הריח, און אפילו דאן ווערט עס נישט דורכגענומען גלייך, דורך און דורך, אין דער גאנצער גרויס און מאָס, נאָר עס ווערט דורכגעגאנגען דורך איהר אייגענארטיגער נאַטור. און אזוי ווי די אויסערע לעבּענס־געשעהענישען בּכלל געהען נישט דורך פאר איהר אינגאנצען, אין זייער אמת׳ער גרויס, אזוי נאָך מעהר דורכגעפילטרערט און בּעפארבּט זיינען איהרע אייגענע לעבּענס־געשעהענישען.

עס זיינען פאראן אין איהר לעבּען אזוי פיעל אונאנגענעמ־ליכקייטען, וואָס, דוכט זיך, האָבּען בּעדארפט און האָבּען כּכח ארויסרופען בּאלדיגען עגמת־נפש, אראָפּשלאָגען זי מיט אמאָל פון איהר וועג און נויטען זי ענדערען איהר געפיהלען־גאנג, דאָך אָבּער בּלייבּט זי ווי אָפּגעפרעמדט און עס ווייזט זיך אויס, אז די געשעהענישען ריהרען זי גאָרנישט. זי פיהרט זיך איהר לעבּענס־

גאנג, דעם אינערליכען חשבון פון הארץ און געדאנק, און דאָס אויסערע שלאָגט זי נישט איבער.

ווייל פערנומען איז זי אלץ מיט זיך, עפּיס א הייליג־טייערס טראָגט זי ארום אין זיך, א הייליג־טייערס, וואָס זי אליין, אפשר, ווייסט דערפון נישט און קען עס נישט בעגרייפען, וואָס איז איהר ווי דורך א וואונדער, אָדער דורך א חלום איבערגעבען גע־וואָרען און עס בלייבט שוין פאר קיינעם נישט קלאָר און געניג בעוואוסט, וואָס עס איז אזוינס. פון די אלע מענשען, וואָס זי זעהט און צווישען וועלכע זי דרעהט זיך ארום, ווערט זי פון קיינעם נישט געווירקט אפילו אויף א האָר און קיינמאָל געהט זי נישט איבער אויף איין ווייל'ע אפילו צום צווייטענס וועלט און זיינע אינטערעסען. דער צווייטער, ווי נאָהענט ער זאָל צו איהר נישט צוגעהן, איז פאר איהר גאָר אנ'אנדער וועלט, אנ'אנדער וועלט און א פרעמדע. און ווייל זי קען אויף קיין איין ווייל'ע זיך נישט בעפרייען פון איהר וועלט, קען זי נישט בעגרייפען און נעמט נישט אָן דעם צווייטענס איבערגע־געבענקייט צו איהר און צו אלע איהרע ליידען און פריידען.

מירעל האָט דאָך אין זיך אזוי פיעל אינערליכע רייכקייט און מעגליכקייט, נאָר די רייכקייט איז בעהאלטען פון דעם פרעמדען. נישט זי איז קארג אויף איהרע אינערליכע אוצרות, נאָר זי איז נישט מסוגל צולאָזען צו זיך מענשען. אפילו מיט די אייגענע, וועל־כע דרעהען זיך ארום איהר א לייננגערע צייט, אפילו פאר זיי בלייבט זי דאָך פרעמד. זי בלייבט שטענדיג מיט זיך, מיט איהר אינערליכען סוד און אין דעם בעסטען פאַל שענקט זי זיי — און דאָס אויך אינסטיקטיוו — איין בליק מיט די אומעטיגע בלויע אויגען, נאָר איין שטילען ריהר מיט דער צוציהענדיגער פיגור, און זיי זיינען שוין אַזוי צופריעדען מיט איהר און געהען שוין נאָך איהר. איז קיין חדוש נישט, וואָס אַזוינע פערשיידענע נאַטורען האָבען זיך געצויגען נאָך מירעלען און אַזוי ענטציקט געוועזן פון איהר. זי בלייבט שטענדיג בעהאַלטען אין זיך, און יעדערער נעמט נאָר ביי

איהר דאָס, וואָס איהם איז נאָהענט און טייער און צו וואָס עס בענקט זיך אין דער נשמה. מעהר פון אַלעס זיינען זיי פערטויבט און ענטציקט פון איהר אויסערען אויסזעהן, פון איהר שטענדיג שטילער און און שטענדיג געדיכטער פאַרביגער שטימונג, וואָס צאַנקט אי ברענט אין איהרע אויגען און אין איהר גאַנצען וועזען, און נאָר זעלטען־זעלטען, ריהרט זי באַלד דאָס אויסערע, דעם צווייטענס וועלט. דער פאָטער איהרער, ר׳ גדליה, וואָס ליידט, נעביך, אַזוי, ליידט שטיל אויף זיין שטייגער, רופט נאָר איין מאָל אַרויס ביי מירעלעי אמת׳ע מיטלייד און גאָר נישט געקלערט און איבערגעקלערט בעשליסט זי דאַן טון פון זיינעטוועגען אַלעס, דעם וויכטיגען שריט אין איהר לעבען, חתונה האָבען מיט שמואל׳ן זיידענאָווסקי׳ן, אַבי נאָר מיטהעלפען דעם פאָטער אין זיין שווערען צושטאַנד און אָנטון איהם עפּיס אַ נחת־רוח. עס ריהרט זי אויך דער בעל־חוב, דער יונגערמאַן, און זי ווערט אַזוי בארעמהאַרציג צו איהם און איז שוין גרייט אַלעס פאַר איהם טון. אָבער אָט די מיטליידגעפיהלען זיינען פלוצימדיגע און געהן באַלד פערלאָרען, און זי אַליין ברייננט זיי שוין קיינמאָל נישט אַרויף אויפ׳ן געדאַנק.

הייסט עס, אַז מירעלע איז נישט קיין גענוג פיהלענדיגע? ניין, פיהלען פיהלט זי זעהר, אָבער דאָס פיהלען איז ביי איהר ווי אַ פערגליווערטעס און פערקיהלטעס און קען נישט אַריבער אין ווילען טון, און אין טון. איהר האַרץ איז שטענדיג אָנגעפולט און פערנומען, און זי קען זיך נישט בעפרייען אויף קיין איין רגע פון זיך און פון איהרע איבערלעבונגען־שטימונגען און אַ קוק טון אַמאָל אויף דער וועלט און מענשען אָפען, מיט גאָר אָפענע אויגען, אויסער זיך און אויסער אייגענע געפיהלען־ליידען. געפיהלען הייסט ביי איהר ליידען, ווייל עס פעהלט אין איהר עפּיס וואָס אַזוינס, וואָס בייט אום דאָס אייגענע אינערליכע לעבען און גיט צו אינטערעס, ליעבע און ענטציקונג פון עפּיס וואָס אויסער זיך, וואָס עס זאָל ווערען טייער, נאָהענט און פערנעמען האַרץ און

מח. מירעלע ווייסט נישט וועגען דעם „עפּיס״, זי האָט קיינמאָל זועגען דעם „עפּיס״ נישט געוואוסט. זי איז איינגעטון אין אייגענעם לעבען-ליידען, זוכט און זוכט נישט, שטרעבט און שטרעבט נישט און ווייסט שוין אַליין אויך נישט, צי זי זוכט אָדער ניין, צי ס׳איז כּדאי גאָר צו זוכען, אָדער נישט.

עפּיס טראַכט זיך אַמאָל וועגען אַנ׳עיקר אין איהר לעבען, וואָס פעהלט איהר, און ס׳פעהלט פיעל-פיעל מענשען אין לעבען און צו אָט דעם עיקר ציהט אמאָל מאָדנע, אָבער מעהר נישט, ווי עס ציהט. זוכט זי אמאָל אָט דעם עיקר אין זיך אַליין און עס דוכט זיך, אַז אָט-אָט חאַפּט זי איהם.

„אַ קליינינקייט, דוכט זיך... סך הכל איין קליינינקייט בעדאַרף זי נאָך איצט מיט׳ן מח און מיט די געפיהלען אָנחאַפּען און איהר וועט ווערען קלאָר דער עיקר פון איהר לעבען, וואָס זי זוכט איהם שוין אַזוי לאַנג, פון קליינערהייד אָן״.

קען זי אָבער דעם עיקר נישט אָנחאַפּען, בלייבט זי נישט זעהר אויפגערעגט: עס קומט ווידער אויף איהר אָן אַ מין אַפּאַטישע, אונבעוועגליכע שטימונג, און זי רוקט זיך איין טיעפער אין איהר שווייגען און ווערט דערווייטערט נאָך מעהר פון מענשען און ערשיינונגען. אין איהר פעהלט אינגאַנצען דאָס גלויבען, נישט אַזוי דאָס אויסערע, ווי דאָס אינערליכע גלויבען און צוגעבונדענקייט צו מענשען, דורך זיי אויסגעלייזט צו ווערען. קומט זי ווען עס איז נעהענטער צו אַ מענשען, אַזוי ווערט זי באַלד פון איהם אָפּגערוקט, און אַ גרויסער תהום עפענט זיך צווישען איהר און איהם.

און פונקט ווי זי אַליין איז נישט מסוגל ליעבען שטאַרק, פון גרויס ליעבע אַרומאַרמען, דריקען און גלעטען, וועלען דעם ליעבענדען מיט׳ן דריקען גרינגער מאַכען די ליידען און אין דעם דריקען זיך פעראייניגען און פערגרינגערען דאָס שווערעס, וואָס ליגט אויפ׳ן האַרצען, אַזוי קען זי נישט צולאָזען, דער צווייטער זאָל זיך אַזוי בעציהען צו איהר, און די גאַנצע צייט פון איהרע בע-

ציהונגען מיט איהרע נאָכגעהער איז קיין איין רגע פין צערטליכע און איבערגעגעבענער ליעבע נישט געווען.

גלייכגילטיג איז זי אין איהר פריינדליכער בעציהונג און גלייכגילטיג איז זי, ווען זי דאַרף האָסען און אָפּשפּאַרען פון זיך, דאָס, וואָס איהר איז נישט אַנגענעם און דאַרף זי עקלען. זי איז אַזוי מקבל יעדע זאַך, מקבל אָהן גרויסע שטערונגען און האָט שוין קיין כח נישט און קיין איבעריגען ווילען זיך אַרויסרייסען פון דעם יאָך, וואָס איז אויף איהר אַרויפגעטון.

זי פיהלט אָפּט, אַז זי לעבט נישט ווי אַלע מענשען, זי פיהלט אַמאָל, אַז עפּיס איינע אַליין געהט זי אַרום בײַ דער זייט פּני׳ם לעבען, אויפ׳ן עולם התהו „און פּלאָנטערט זיך דאָרט פון קליינער־הייד אין אַ לאַנגען פערוואָגעלטען חלום, וואָס האָט נישט קיין אָנ־הויב און קיין סוף". אַמאָל, ווען עס ווייזט זיך איהר ערגיץ־וואו פון ווײַטען אַ פייער׳ל, טוט זי זיך אַ חאַפּ דערצו, אָבער עס ווערט פערשוואונדען פון די אויגען, און זי זעהט שוין ווייטער פאַר זיך אַ גרויע ווייטקייט פערנעפּילט מיט איהרע אייגענע נעפּלען און זי טראַכט שוין:

„— עפּיס איז זי שוין, דוכט זיך, איצט צו עפּיס צוגעקומען און וועט עפּיס טון, און אפשר איז זי נאָך צו גאָרנישט נים צוגע־קומען און וועט גאָרנישט נים טון. איינער אַליין וועט זי נאָר ווייטער אַרומבלאָנזשען, ווי אַנ׳אייביגער ח׳ום פון תהו ובוהו און וועט אין ערגיץ נישט אָנקומען".

וואָרום אַלעס טוט זיך בײַ איהר אָהן איהר וויסען, און גאַנץ אָפּט קעגען איהר וויסען, אָבער זי קען זיך נישט פונאַנדער־קלייבען אין דעם און האָט קיינמאָל ווי ס׳דאַרף צו זיין דערפון נישט געקלערט.

עס איז פאַראַן אַזוי פיעל וויכטיגעס, וואָס עס טוט זיך אַרום, און אפשר אינסטיקטיוו, כּדי נישט שווערער מאַכען דאָס אַזוי אויך שווערע לעבען, נעמט זי עס נישט אָן אָט דאָס לעבען. געווען

מעגליך, אז גאַנצע פיער יאָהר האָט זיך געצויגען צווישען איהר און וועלוויל בורנעס'ען דער שדוך און דערנאָך אויך אַזוי, אָהן בעזונדערע, ווייזט אויס, פון איהר זייט מיטלען, זיך צעלאָזט. מירעלע געהט אַרום אַ צייט מיט דעם קרומען סטודענט ליפּקעס'ען, וועלכער הייסט זיך אָפּ צוליעב איהר פון זיין אָנגעצייכענטען וועג און העבער אַ יאָהר פּטר'ט ער פון זיין שטודירען, און מירעלע האָט דערביי קיינע מחשבות נישט. און אַפילו אָט דעם איבעריג־נישטיגען שדוך מיט שמואליק'ן, נעמט זי אַלץ נישט אָן ערנסט, און אויך שפּעטער, נאָך דער חתונה, האָט עס ביי איהר אַלץ אַ פּנים פון אַ קאַטאָוועס־שפּיעל, וואָס, אַז זי וויל, וואַרפט זי עס אַוועק און גענוג. און ווער ווייסט, וואָס מירעלע קען נאָך אין איהר לעבען אַזוינס אָפּטון. עס טרעפען זיך דאָך אין איהר לעבען זאַכען, וואָס דאַרפען זי וואַרגען, נאָר זי פערלירט נישט איהר מאָדנע גלייכגילטיגקייט, און בעת'ן קנס־מאָל, ווען מען ריכט אָפּ די סעודה נאָך איהר מיידעלשער יונגשאַפט, קומען צו איהר, ווי צו פערגרינגערען איהר אייגענע לאַגע, אַזוינע געדאַנקען: „אַז דער גאַנצער גערויש קומט פּאָר נישט צוליעב איהר, נאָר צוליעב אַ צווייטער מירעל, וואָס איז מיט'ן קנס־מאָל שטאַרק צופריעדען, און זי, די אמת'ע מירעל, זעהט דאָס אַלץ נאָר פון דער זייט און האָט דערצו קיין שייכות נישט“.

עס פעהלען ביי איהר אינגאַנצען ווילען־אימפּולסען, וועלכע זאָלען ווערען אַרויסגערופען און געטריבען דורך וואָסער ס'איז אינערליכען און אויסערען רוף, און אַפילו די שווערסטע געשעהענישען אין איהר לעבען רופען נישט אַרויס קיין קלאָרע מחשבה און שטאַרקען ווילען וועגען איבעראַנדערשען דעם גאַנג פון איהר לעבען און צוגעבען איהם אַן'אַנדער פאָרם. עס שווימט אַרויס און עס בעווייזט זיך אויף אַ ווײלע אַ רעטונגס־געפיהל אין איהר, צו וועמען עס בעווייזט זיך אין איהר אַ ציהעניש און אויך אַ שטיקעל ווילען דערגרייכען צו דעם, נאָר באַלד ווערט עס פערלאָרען און פערפאַלען אין דעם טויט־שטילען שטראָם פון איהרע שטימונגען־געפיהלען.

און זי אַליין דערמאָנט זיך, אַז ווען-עס-איז איז זי שוין געשטאַנען אויף אַ שטיקעל וועג און האָט שוין עפּיס וואָס געוואוסט, ווי צו בעפרייען זיך פון דער שווערער לאַגע, אָבער טעג האָבען זיך געצויגען „אַזעלכע פער׳חשב׳טע, אלול׳דיגע, אומעטיגע; פערוואָלקענטע הימלען האָבען אַראָפּגעקוקט צום פּיסטען און זאַמדיגען עק פאָרשטאָדט", און זי אַליין האָט צו טון מיט זיך:

„— וואַרט... מען מוז זיך פּאַמעליך פונאַנדערקלייבען און בעטראַכטען: וואָס דאַרף מען ווייטער אַ מיידעל, וואָס איז געוואַקסען אַ בת-יחידה בײַ ר׳ גדליה הורוויץ׳ן, און האָט שוין עפּיס געהאַט אָנגעהויבען צו פערשטעהן, און האָט שוין חתונה געהאַט, נאָר אויף קאַטאָוועס, אויף דערוויל".

אָבער קיינמאָל איז זי נישט בעוואוסטזיניג, בעוואוסטזיניג-אויסגעהאַלטען נישט אין איהר אייגען לעבען און נישט אין דעם, וואָס ס׳טוט זיך אַרום איהר. זי קען נישט צופיהרען איהר שטימונג און געפיהלען צו וואָסער ס׳איז בעשטימטען בעשלוס און לויט אָט דעם בעשלוס פיהרען איהר ווייטער לעבען, נישט איינמאָל, אין די בעציהונגען צום שדוך מיט שמואליק זיידענאָווסקי׳ן און אויך נאָך דער חתונה, בעוויזט זיך אַ געפיהל-געדאַנק אַ סוף מאַכען מיט דער טרויעריגער פאַר איהר שפּיעל, אָבער עס בלייבט נאָר אַ געפיהל און צו קיין סוף קומט עס נישט. ווען דאָס לעבען בײַ די זיידענאָווסקי׳ס עקעלט זי אַזוי שטאַרק, בעקומט בײַ איהר פּלוצים אַזוי פיעל חן און צוציהענדיגע קראַפט איהר היים, איהר שטוב, און זי לאָזט זיך אַהין מיט אַ גרינג האַרץ און מיט פיעל האָפענונג געפינען דאָרט די אמת׳ע, אינערליכע רו... קומט זי אָבער נאָר אַהין, ווייזט זיך איהר שוין אויס נאַריש דאָס גאַנצע פאָהרען, עס פאַלט אויף איהר אָן אַ שווער-דריקענדיגע שטימונג, זי פערלאָזט גיך די היים און פאָהרט צוריק צו דער פערהאַסטער שטוב, צו שמואליק׳ען.

ווייל רעאַגירען רעאַגירט זי מעהר מיט די געפיהלען, ווי מיט'ן קאָפּ, עס איז ביי איהר קיינמאָל נישט אויסגערעכענט, אָנגעצייכענט פאָראויס, נאָר אַלעס טוט זיך אָהן פריהערדיגען ווילען, אָהן אויסגערעכענטען חשבון. וואַרפט זי זיך דערום אויף וואָסער ס'איז וועג און רעכענט איהם פאַר אַנ'אויסוועג, אַפילו עס איז אין אמת'ן קיין פערענטפערונג נישט אויף איהר שאלה. איז שוין דערום אין איהר לעבען פאַראַן פיעל מיספערשטענדענישען, וועלכע שטעלען זי אין אַ נישט גאָר שעהנער לאַגע, און אַזוי אַרום ווערט זי פערקלענערט אין אונזערע אויגען. וואָלט זי מסוגל געווען פאָראויס אַ מעסט טון, אַפילו מיט איהר אייגענער כּח, די־געהאַטען פון איהר לעבען, וואָלט זי זיך פערהיט פון יסורים און צרות, און איהר לעבען וואָלט נישט געווען אַזוי טראַגיש און אינגאַנצען ווידערשפרעכענדיג מיט אייגענעם געשמאַק און ליעבע.

און אַזוי אָפט רופט זיך ביי אונז אַרויס אונצופריעדענקייט מיט מירעלען, און, ווי מיר בעציהען זיך נישט צו די אַרומיגע, בעשולדיגען מיר זי פאַר די יסורים, וואָס זי פאַרשאַפט איהרע נאָהענטע, וועלכע זיינען צו איהר צוגעבונדען, טין און ווילען טון פאַר איהר אַלעס, און זי צעשטערט זיי אַלעמען דאָס לעבען און גיעט זיי גאָרנישט. זי נעמט נישט אָן קיינע מיטלען צו בעזייטיגען די יסורים און ליידען פונ'ם צווייטען און מאַכען אַנ'עק צו די בעציהונגען, וואָס שאַפען יענעם נאָר אונאַנגענעמליכקייטען. איז אָבער דער זכות מירעלעס, וואָס זי אַליין ליידט אַזוי פיעל און איהר קומט אָן אַ געהעריגער חלק פון יסורים און ליידען פאַר איהרע מעשים און מעהר פון אַלעס פאַר איהר האַראַקטער און ביי פון איהר גאַנץ וועזען.

זי אַליין קלאָגט זיך אַמאָל, אַז ווינציג־ווינציג האָט זי פון איהר לעבען הנאה געהאַט. און שטענדיג דאָך איז איהר אַזוי שווער, אַזוי אונערטרעגליך שווער פון איהר לאַגע, פון דאָס אַרומיגע, וואָס רינגעלט זי אַרום, און מעהר פון אַלעס איז איהר שווער איגערליך.

שוועֶר איז מירעלען דערפאַר, וואָס זי קען נישט לייגען, לייגען אַפילו זיך אַליין. פיעל פרויען אין איהר צושטאַנד, ווען דאָס לעבען טוט ווי אויף צו להכעיס, אויב זיי געפינען נישט קיין וועג און אויסוועג פון זייער טרויעריגער לאַגע, געהען אַזוי אַוועק בעוואוסטזיניג, אָדער אונבעוואוסטזיניג, אויפ'ן וועג פון לייגען און אויף דעם בויעט מען זיך די רוהיגקייט, דאָס גליק. מען לייגט אַזוי פיעל דעם צווייטען און צוליעב'ן צווייטען, ביז מען הויבט אָן לייגען זיך זעלבסט. זיי שאַצען איבער, דאָס רוב, זייערע אייגענע מעגליכקייטען און זיי שאַפען פאַר זיך אַ ראָל פון גאוה'דיגע טראַגיקער, און דערמיט שטילט מען דעם אינערליכען דורשט; אָדער זיי לאָזען זיך אויפ'ן וועג פון בעל-הבית'ישע אינטערעסען און קליינליכע אינטריגען און פולען אָן הערמיט דעם פוסטען חלל אין זייער לעבען. עס טרעפט: פון גרויס לאַנגווייליגקייט צו זיך זעלבסט, גיעט מען איבער אינגאַנצען דעם אינטערעס, ליעבע און ענטציקונג, וואָס איז פאַראַן אין זיך צום געבוירען קינד. און בּיסלעכוויז פערגעסט מען אָן זיך, אָן אייגענעם לעבען. מירעל האָט זיך אויף איין מינוט נישט אָפּגענאַרט און קיינמאָל שאַצט זי נישט איבער איהרע אייגענע מעגליכקייטען, זי ציהט אויף זיך קיינמאָל נישט אַרויף דעם טרויער-מאַנטעל פון האַמלעט, כדי צו געפינען אין איהם אַ טרייסט. זי זוכט נישט קיין שפּילעכל אויף צו פערגעסען דעם אייגענעם אומגליק. זעלטען - זעלטען ווען זי רעדט אַרויס, איבערהויפּט פאַר אַ צווייטען וועגען איהר טראַגישער לאַגע, וועגען דעם טרויער, וואָס איבערפולען איהר גאַנצען וועזען. און נאָר איינמאָל, בעת'ן מישמאַש מיט דעם פאָטערס אָנזעץ, פערברייגנט זי עטליכע טעג ביי דער צופיעל-קלוגער, צופיעל טרוקענער אַקושאָרקע שאַץ: געלעגען איז זי אַזוי דאָרט „ס'רוב אין בעט אַנ'אומעטיגע מיט אַ פערשטאַרקטען טרויער אין די בלויע אויגען, געקוקט מיט זיי ערגיץ-וואו, צו דער ערדענער פאָדלאָגע און געשוויגען. און אַמאָל האָט זיך געמאַכט, אַז נישט אויפהויבענדיג די אויגען פון דער פאָדלאָגע,

האָט זי, ליגענדיג אין בעט, אָנגעהויבען רעדען צו דער אַקושאָרקע, אויסגעצויגען און שטיל, ווי אַנ׳אבל:

„—דריי און צוואַנציג יאָהר האָט זי אָפּגעלעבט דאָרט אין שטוב. נישט די שטוב טוט איהר באַנג און נישט די יאָהרען... וואָרום די יאָהרען, וואָס האָט זי דען געקענט מיט זיי טון? און די שטוב...

—מענשען, וואָס ווערען געבוירען אין אַזעלכע שטיבער, קענען נישט לאַבען; אָט ווי זי, מירעל".

טראָגט זי, מירעל, אָט די לאַסט פון איהר שטוב, טראָגט שווייגענדיג, מיט געדולד, ווערט געדריקט און געפּרעסט און טראָגט אַליץ אָהן קיינע טענות צו וועמען ס׳איז. שוין צופיעל גוט פיהלט מירעלע זיך, זי זאָל ווען עס איז אויסוואַרפען איהר אומגליק און חאָטש אין די טענות און בעשולדיגונגען אַ נחת־רוח און פערלייכטערונג פאַר זיך געפונען. טענות האָבען איז בכלל זעהר גרינג און, ווען מ׳וויל, קען מען געפונען אַ שולדיגען, אויף וועמען אַרויפוואַרפען די שולד. איהר קומט דאָך אַזוי שווער אָן דאָס לעבען ביי איהר מאַן, שמואליק, זי רייסט זיך אַזוי פונ׳ם שטוב, וואָס עקעלט זי און דריקט זי אָהן אויפהער און דאָך פּרובט זי נישט אַפילו איינמאָל קומען מיט טענות צו דער שטוב, און ווען שמואליק קומט אַ מאָל אַ דערשלאָגענער, אונבעהאָלפענער צו איהר און גיסט פאַר איהר אויס די טרערען פון זיין אונבעהאָלפענקייט, אַזוי געפינט זיך ביי איהר אַ פּאָר ווערטער פאַר איהם:

—שמואליק, האָב איך דיר דען שלעכטס געטון?

און ער פערהאַפּט באַלד:

—ווער זאָגט דען?

און אַזוי אויך די איבעריגע מענשען, וועלכע שטעהען נאָהענט צו מירעלען, און זי פערשאַפט זיי אַזוי פיעל יסורים און רויבט ביי זיי צו זייער גאַנצע רוה און גלייכגעוויכט. קיינער פון זיי, אַפילו אין די שווערסטע מינוטען, וואַגט נישט פאַראיבעל האָבען אויף מירעלען, נאָר אַזוי שטיל ליידען זיי פון איהר און פאַר איהר,

שטיל און שווייגענדיג, ווי שטי[illegible]ווי גע[illegible]יג זיינען די בעציהונגען מירעלס צו זיי. פון זיי אַלע איז נתן העללער, דער פוסטער, פער־עקשנ׳טער בחור, אַנ׳אויסנאַהם, וועלכער ערלויבט זיך אונטער די אויגען בעוואַרפען מירעלען מיט שמוץ און גיט איבער וועגען איהר פערשיידענע מעשיות.

קיינמאָל איז מירעל נישט בעטראַכט און אויסגערעכענט, אַפילו צו איהרע אייגענע טהאַטען אין לעבען, נאָר אלץ טוט זיך עפּיס אַזוי, אָהן שום פאָראויסגעזעהענער כונה פון איהר זייט, אָהן שום אָנגעצייכענטער ליניע. זי אַליין פערשטעהט עס, אָדער ריכ־טיגער, פיהלט עס אַזוי גוט. וויפיעל מאָל, ווען עס טוט אַ בליץ אין מח עפּיס אַ רעטונגס־פייער׳ל און עס הויבט אָן ציהען נאָך איהם, לויפען באַלד אָן יאוש־געדאַנקען, אַז אומזיסט, זי וועט שוין קיין תכלית פון איהר לעבען נישט מאַכען, און זי אַליין רעדט שוין וועגען זיך:

„—זי אַליין האָט אַזוי ווינציג פון איהר לעבען הנאה געהאַט, זי וואָלט, בעצם, איצט געמעגט אַלט זיין אַכצעהן יאָהר".

נאָר ווען זי וואָלט איצט באמת אַכצעהן יאָהר אַלט געווען, וואָלט איהר דאָך קיין נייער שריט אין לעבען נישט פאָרגעשטאַנען, און איהר וואָלט ווידער אַמאָל געבליבען נישט מעהר, ווי רחמנות האָבען אויף איהר פאָטער און אויף זיך, חתונה האָבען נאָך אַמאָל מיט שמואליק׳ען, זיך מיט איהם גט׳ען און ווידער ליגען און טראַכטען:

„—נו, גוט! זי האָט זיך שוין מיט איהם גע׳גט און וואָס וועט זי טון ווייטער?"

איז דעריבער ביי איהר אַזוי ווייניג בייַנקשאַפט נאָך איהר יוגענד; און עס טוען שוין איהר נישט באַנג די אַוועקגעהענדיגע יאָהרען, וואָרום, וואָס האָט זי דען געקענט טון מיט איהרע יאָהרען, אויב נישט איבער׳חזר׳ען אויף ס׳ניי אַלעס, וואָס זי האָט געטון מיט זיך און מיט איהר לעבען.

און אזוי אפט דערלאנגט צום הארצען איהר טרויעריגע לאגע, און דו פיהלסט א שטארקען ווילען איהר העלפען, פערגרינגערען איהרע ליידען, אבער באלד דערמאנסטו זיך, אז דו, פאר דיר אליין, איז אונבעוואוסט דער אויסוועג פון איהרע יסורים און דו ווילסט חאטש, אז מירעלע זאל צופאלען צו א קישען און אויסוויינען איהרע יסורים און דערמיט פערגרינגערען אביסעל, אויף א ווײלע, איהר לאגע. מירעלע איז אבער א בעהאלטענע, פערשלאסענע אין זיך נאטור און זי ליידט אלץ אינעווייניג, בעהאלטען פונ׳ם אויג, און דערום זיינען איהרע ליידען נאך שווערער, נאך טיעפער. קיינע אויסערע עקסצעסען פאר דער גאנצער צייט זעהען מיר נישט ביי איהר. נאר, ליגענדיג איינמאל, ווען איהר ווייזט זיך אויס, אז דער גט וועט אראפנעמען פון איהר אלעס, וואס עס דריקט זי, דערפיהלט זי שטארקע קלעפ פונ׳ם הארץ און זי זעצט זיך אויף אויפ׳ן בעט:

„—ווארט... זי וועט דאך איצט ווערען צוריק, ווי מיידעלוויז...

אין איהר איז געוואקסען עפיס א געפיהל פון געזונט און כח, צוזאמען מיט די הארצ־קלעפ פון פרייד איז אט דער געפיהל אין איהר געוואקסען.

זי האט א קוויטש געטון, דערפיהלענדיג אין זיך די פארצוויי־יאהריגע מירעלע; כך הכל איינמאל א קוויטש געטון, און מיט אזא פרייד“.

און עס הויבען זיך אן פונאנדערצושפרייטען די אנגעצויגענע וואלקען איבער איהר מח און געפיהלען, עס בעווייזט זיך אין איהר א העל־קלארע שיין און זי הויבט אן רעדען וועגען זיך אזוי קלאר:

„—זי ווייסט אפילו נישט, וואוהין זי וועט נאכ׳ן גט פון שטוב אוועקגעהן, מעגליך, אז זי וועט שוין די ערשטע וואך נישט האבען פון וואנען א טאג איבערצוקומען. נאר זי שרעקט זיך איצט בכלל גארנישט. די וועלט ווייזט זיך איהר איצט אויס, איז אזוי ברייט.

—ערגיץ וועט זי שוין פון זיידענאויסקי׳ס. שטוב אוועקגעהן...

די היים איהרע, וואָס אין שטעדטיל... זי איז עפּיס מעהר נישט, ווי אַ צו להכעיס'דיגע נאַרישקייט, אָט די היים. צו דער מוטער ציהט נישט, און צום פאָטער... גלייכער איז, וואָס זי מיט'ן פאָטער לעבען פון דערווייטענס. העלפען איינער דעם צווייטען קענען זיי סיי ווי סיי נישט.

און וועגען זיך טראַכט זי דאָך פיעל; זי איז פון תמיד אָן געוואוינט פיעל וועגען זיך צו טראַכטען.

אָט האָט זי דאָ נישט לאַנג טורגענעוו'ס אַ בוך נאָך אַ מאָל איבערגעלייענט: אַ רוסיש מיידעל קאָן מעהר נישט אויסקומען מיט'ן לעבען, וואָס אַרום, געהט זי אַוועק אין מאָנאַסטיר, און ס'ווערט פון איהר גאָרנישט. און זי, מירעל, זי איז שוין נישט קיין מיידעלע, און דער מאָנאַסטיר איז פון איהר אַזוי ווייט און ווייזט איהר אויס אַזוי נאַריש. מ'האָט זי פון קליינערהייד נישט געלערנט זיין רעליגיעז. זי קען מעהר מיט די אַרומיגע צושטאַנדען נישט אויסקומען, מוז זי אַוועקגעהן ווייטער:

—צי זי וועט עפּיס געפונען, ווייס זי נישט, נאַר אַוועקגעהן וועט זי".

אָבער אַזוי קלאָר רעדען וועגען זיך טרעפט זיך ביי מיוע-לען זעלטען-זעלטען. דאָס רוב איז זי אַזוי נישט בעוואוסטזיניג צו איהרע אייגענע טהאַטען און זי ווערט אַזוי שטאַרק געטריבען דורך וואָסער ס'איז בלינדע מאַכט, וואָס איז אין איהר אַליין, אַזוי, אַז זי טרעפט זיך אַפילו נישט מיט אָט דער מאַכט אויג אויף אויג, כדי קענען זי פאַרבייגעהן. אָפטמאָל רופט מירעלע אַרויס פערדראָס פאַר איהר נישט קענען בענעמען קיין מענשען און, דער עיקר, פאַר איהר נישט קענען אָפּשפּאַרען פון זיך מענשען. און עס טרעפט, אַז זי ווייזט זיך דערום אונז אויס פאַר אַ פּשוט, פער'עקשנ'ט מיידעל, אָהן בעשטימטע פאָדערונגען צו מענשען און דערום איז מעגליך ביי איהר, זי זאָל זיך אַרומפיהרען מיט ליפּקיס'ען, אַמאָל אַפילו מיט'ן נאַרישען, פּראָסטען געהילף-פּראָוויזאָר סאַפּיאַנ'ען. איז זי אַזוי געשמאַק-

לאז אין איבערקלייבען מענשען? קוקען מיר זיך אבער צו נעהענטער צו איהר ארט בעציהען זיך צו די פערשיידענע בעקאנטע, אזוי זעהען מיר: נישט וואס מירעל האט קיין פאדערונגען נישט צו מענשען און איז נישט אימשטאנד פערשטעהן און בענעמען מענשען, נאר בעגעגענדיג זיך מיט זיי אפילו גאנץ אפט, שטעלט זי זיי, אייגענטליך, קיינע פאדערונגען נישט, זי פאדערט פון זיי גארנישט פאר זיך, פאר איהר וועזען. אי ליפקים, אי סאפיאן, אפילו העללער (אי ; די אויגען), אי מונטשיק דערוועקען אין איהר קיינמאל נישט קיין בעזונדערע אכטונג-געפיהלען און ווער רעדט פון ליעבע, איבערגעגעבענקייט און צוגעבונדענקייט. און בעגעגענדיג זיך מיט אט די מענשען וויל זי פון זיי גארנישט און זוכט ביי זיי גארנישט און זי זעהט שוין כלל נישט, וואס זי ווערט פאר זיי, און ווי אזוי זיי הויבען אן קוקען אויף איהר און זוכען אין פאדערען פון איהר. אבער זי פיהרט זיך איהר וועלט'ל און געהט זיך איהר לעבענס-וועג אליין ווייטער און ווייטער.

פאראן מענשען, וועלכע פיהרען א מין צווייענדיג לעבען, אן אויסערען און אן אינערליכען. ערגיץ-וואו, אינעווייניג, טוט זיך עפּיס אהן אויפהער, עס ווערען דארט געבוירען געפיהלען, שטימונגען און ווערען פערפאלען, עס קומען אן געדאנקען און געהען אוועק און פון אויסען איז נישט צו דערקענען גארנישט: דער מענש פיהרט זיך א געוועהנליך לעבען אין דער סביבה, וואו ער געפינט זיך, און זיין לעבען איז עהנליך אינגאנצען, לויט זיינע פארמען, דעם אלגעמיינעם לעבען. עס ארבייט זיך אויס מיט דער צייט א מין „הארמאניע“ צווישען דעם טאג-טעגליכען אויסערען מיט דעם אייגענעם אינערליכען, אפילו זיי ווידערשפרעכען שטארק איינעם דעם אנדערען. מירעלע געהערט כלל נישט צו דעם ארט מענשען, או דערום פערדיענט זי בעזונדערע אויפמערקזאמקייט און דערום איז זי שטענדיג ווי אליין, מיט זיך און ארום זיך. מירעלע איז אינגאנצען איין מענש, דאס אויבערע און אינערליכע ביי איהר זיינען פעסט

געבונדען און עס זיינען נישטאָ קיין ווידערשפּרוכען, און דאָס, וואָס אין איהר אַרומיגען לעבען ווידערשפּרעכט איהר, איגנאָרירט זי עס און וויל עס בשום אופן נישט אָננעמען. דערום ווייזט זי זיך אונז אויס אַ צופיעל געדולדיגע און מיט צופיעל גלייכגילטיגקייט צו זיך, און דערום זיינען נישטאָ ביי איהר קיין פיעל אויסערע ווירקונגען, נישט אַזוי גרינג נעמט זי צו די אויסערע וועלט און דערום איז שוין אַלעס, וואָס זי טוט, דיקטירט נאָר דורך איהר אייגענעם כאַראַקטער, נישט דורך איהר ווילען, איז שיין דערום אונמעגליך בעשולדיגען זי פאַר די איינציגע זאַכען, וואָס זי טוט, אָדער ריכטיגער, וואָס עס טוט זיך מיט איהר, וועלכע זיינען נישט איבעריג שעהן און פּאַסענדיג פאַר איהר. בעשולדיגען איז אונמעגליך, מיר קענען בעדויערען, בעדויערען און מיטפיהלען. און אַנדערע קענען צופריעדען זיין פון דעם סוף, וואָס איהר גאַנצער אַרט לעבען, פיהלען און בענעמען די וועלט האָט זי צוגעפיהרט צו דעם און וועלען שוין מיט צופריעדענקייט שטיל, ביי זיך צוגעבען: כן יאבדו! אָט אַזוי וועלען זיך בעציהען צו איהר פיעל, ווען מען טרעפט זי צום סוף צוריק אין איהר שטעדטיל זיך וואַלגערען ביי ליבקע דער רבי׳צין, דאָס וואַלגערען פון אַ געפאַלענעם און אָפּגעלאָזענעם מענשען אָהן דעם געפיהל פון זעלבסט-אַכטונג.

איז דען מירעלע אַזוי פערדאָרבען און איז זי שוין נישט מסוגל עפּיס שעהנערס פון איהר לעבען מאַכען? אָדער איז שוין דאָס לעבען אַזאַ תוהו ובוהו, אַז עס איז שווער בכלל עפּיס דערפון שאַפען, איז אַפילו נישטאָ גאָטס גייסט פאַר איהר, וועלכער זאָל אַרומשוועבען אויפ׳ן תוהו-ובוהו-פלאַך פונ׳ם לעבען? מיר וויסען שוין אַליין נישט, וואָס צו ענטפערען דעריף. אַזוי שווער, נאַטירליך-ריכטיג איז דער אמת פון איהר געשילדערט לעבען, אַז מיר קענען גאָרנישט רעדען וועגען איבעראַנדערשען און איבערמאַכען עס. מיר קענען נאָר קאָנסטאַטירען איהר לעבען און וועלען עס פערשטעהן און מיטפיהלען. מען קען רעדען וועגען בעזייטיגען אויסערע שטע-

רונגען, אָבער דאָס טראַגישקייט אין מירעל׳ס לעבען וועט נישט אַרויסגערופען ביי איהר, דער עיקר, דורך אויסערע געשעהענישען און פּאַסירונגען, נאָר מעהר פון אַלעם קומט עס אַ דאנק דעם בוי פון איהר כאַראַקטער, פּסיכיק און נערווען־סיסטעם.

געוויס פערנעמען וואָסערען ס׳איז אָרט אין איהרע אומגליקען די פּאַסירונגען, וועלכע בעגלייטען זי אין איהר וועג. דאָס, וואָס דער פאָטער איהרער, ר׳ גדליה, ווערט אַלץ פעראָרימט, ווערט אָן זיין גאַנץ פערמעגען—דאָס ווירקט אויך אויף איהר לעבענס־גאַנג. נישט ווייניגער פערנעמט אַנ׳אָרט די גאַנצע געשיכטע מיט׳ן היימישען, קליין־שטעדטילדיגען שדוך מיט וואָווע בורנעס׳ען פון וועלכען זיינען אונז בעוואוסט, אמת, נאָר איינציגע מאָמענטען, אָבער וועלכער איז אויך געוואָרען אָהן מירעלס בעוואוסטזיין און עטליכע יאָהר זיך געצויגען און דערנאָך איבערגעריסען געוואָרען. און דערנאָך דאָס טראַגישע חתונה האָבען מיט שמואליק זיידענאָווסקי׳ן, דעם גוטען און לאַנגוויליג־נאַיישען יונגערמאַן מיט זיין פּשוט׳ער, פערגרעבטער משפּחה, — דאָס אַלעס שאַפט מירעלען יסורים און מאַכט זי אומגליקליך. אָבער דאָס איז נישט דער עיקר טראַגיזם איהרער, דער עיקר פון איהרע ליידען. מיר ווייסען אַליין נישט, צי אָט די יסורים איהרע זיינען אַ פּועל־יוצא פון איהר אייגענעם כאַראַקטער, אָדער פּיעל פון איהרע אייגענשאַפטען, דאָס אָפּגעלאָזענקייט און אונבעהאָלפענקייט, זיינען אין אמת׳ן פאָלגען פון איהר לאַגע און איהר אָרט אין לעבען.

דאָס איז געוויס: דער טראַגיזם ביי מירעלען איז מעהר אַ אינערליכער און די סבות זיינען מעהר אינערליכע, פּסיכישע, אָבער מיר ווייסען נישט, ווי וואָלט געווען, ווען ר׳ גדליה ווערט נישט קיין יורד, ווען מירעל פאַלט נישט אַריין אין דער סביבה פון שמואליק זיידענאָווסקי׳ן און זיין הויז־געזינד; וואָלט מירעל גליקליך געווען, וואָלט זי דאַן געפירעט איהר לעבען אויף אַ גליקליכען באַ־

דען? גיבער פון אַלעם וואָלט מירעל אויך דאַן טראַגיש געווען, נאָר, פערשטעהט זיך, דער טראַגיזם וואָלט אַן׳אַנדער צורה געהאַט.

ווייל איהר פעהלט איננאַנצען דאָס געפיהל זיך בענוגענען מיט׳ן לעבען, זיין צופריעדען און לעבען מיט דער צופריעדענקייט. ווען מען וויל (און מענשען ווילען דאָך האָבען דעם ווילען און האָבען איהם) און עס איז דאָ ווילען — האָט דאָך פיעל אין לעבען אינטערעס, וואָס קען פערנעמען און פערנעמט האַרץ און מח. אי ווילען הייסט כלל נישט בעוואוסטזיניגער, אַקטיווער ווילען. דער ווילען שאַפט זיך אינסטינקטיוו, אונבעוואוסט פון בעוואוסטזיניגע אימפולסען צו לעבענס־דורשט. ביי מירעלען זיינען נישטאָ קיינע קלאָרע לעבענס־אימפולסען. נישטאָ ביי מירעלען קיין אונצופרידענקייט מיט די לעבענס־תנאים, נישטאָ קיין שטרעבונג צו וואָסערע ס׳איז אַנדערע בעסערע פאָרמען אין לעבען. פאַראַן אין מירעלען אי אונצופרידענקייט, אי ציהעניש נאָך עפּיס וואָס אַנדערעס, נאָר די אונצופרידענקייט און ציהעניש געהען נישט איבער אין קיין קלאָרע בעשטימטע שטרעבונגס־בעגריפען און שטרעבונגס־ווילען. זי זוכט נישט קיין אַנדערש, אינטערעסאַנטערערס־רוישענדיגעס לעבען, אַפילו איהר אייגען לעבען איז איהר גענוג שווער און דריקענדיג. זי גאַרט נישט נאָך אמת׳ע ליעבע, אַפילו מיר שפּירען אין איהר אַ ציהעניש־בייַנקעניש נאָך ליעבע. און צום סוף רייסט זי זיך נישט אויס פון די צוואַנגען־בעדינגונגען, וואָס האָבען זיך געשאַפען אין איהר לעבען, אַפילו דאָס אַלעם דריקט זי אַזוי.

פערשלאָסען איז זי שטענדיג אין זיך מיט איהרע אייגענע געפיהלען און שטימונגען, סימפּאַטיען און אַנטיפּאַטיען. די מיטגעפיהל און אָפּשטויסונג־מאָטיווען, די זוכענישען און גאַרען נאָך עפּיס, דאָס אומצופרידענקייט און ענטציקונג — אַלץ ווערט געבוירען און ווערט פערפאַלען אין איהר האַרץ אינעווייניג. נישטאָ ביי איהר דער איבערגאַנג פון די געפיהלען צום קאָפּ, צום ווילען. דער ווילען איז ביי איהר אַזוי אַפּאַטיש, ער רעכענט זיך כלל נישט מיט איהרע

געפיהלען, ער ווערט נישט געפיהרט דורך איהר שטימונגס־צושטאַנד. ווען עס וואָלט געווען אַ צוזאַמענהאַנג צווישען איהר שטימונג און ווילען, וואָלט זי צו פיעל־פיעל נישט גוטעס און נישט אָנגענעמענעס אין איהר לעבען נישט געקומען און געוויס זיי אויסגעמיידט. ווען זי האָלט געהאַט אין זיך שטאַרקייט בײַ יעדען ריהר פון לעבען, פון עפּיס גראָבעס אין לעבען, אויסשרייען: „Не смѣть, дуракъ!“ ווי זי שרייט אוים איינמאָל „מיט אַ געפיהל פון כעס און בעליידיגונג“ אויפ'ן אָוועגד בײַ טאַראַבאַי'ען, ווען דער פּאָליטעבניק רירט זי אָן, וואָלט איהר לעבען גאָר אויף אַנ'אַנדער וועג געגאַנגען. וואָלט זי שוין זיך נישט אַרומגעדרעהט אַנ'איבעריגע בײַ די זיידענאָווסקי'ס, וואו מען קוקט אויף איהר ווי אויף אַנ'אויסוואורף און זי וואָלט שוין בײַ זיך נישט גע'פועל'ט אַראָפּפאָהרען און פערברייננען אַ צייט בײַ ליבקע'ן דער רבי'צין און לאָזען פיהלען אַרום זיך דעם ריח פון אַ געפאַלענער.

און אָט די אַלע מענשען, וואָס געהען אַרום איהר זיינען אַזוינע פּשוט'ע, געוועהנליכע מענשען און קיינער פון זיי, אויסער איין הערצ'ן, דעם פּאָעט, האָבען נישט אין זיך עפּיס וואָס אַזוינס, וואָס זאָל זי פעראינטערעסירען, זאָל צוציהען צו זיך מירעלע'ס אויפמערקזאַמקייט. קיינער פון זיי טראָגט נישט אין זיך עפּיס וואָס אינטערעסאַנטעס, אייגענס, פון וועמען זי זאָל עפּיס קענען געניסען.

וואָווע בורנעס? אַ מין פערגרעבטער שאָטען פון מירעלען איז אָט דער פּשוט'ער, אָבער האַרציגער בחור. אויף איהם ליגט אויסגעגאָסען אַ מאַטאָוו־אומעטיג פערגליווערטע פאַרב, מאַט פערגליווערט זיינען אויך זיינע געפיהלען, מאַט פערגליווערט זיינען אויך זיינע איבערלעבונגען. זיי זיינען פערגליווערט און ווי פערקעלטערט, אָבער דאָך שלאָגט ערגיץ־וואו אין דער טיעף פון זיין נשמה און האַרצען אַ מין וואַרימקייט, אַ בעזונדערע, אייגענאַרטיגע וואַרימקייט און פרישקייט. עס ליגט אויף איהם עפּיס וואָס שווערעס, אייגענאַרטיג־שווערעס, נישט אַזוי אויף איהם, ווי אין איהם, אין זיין

חאראקטער און פסיחיק; דאס איז א שלעפעריגער ווייניג בעוועגליכער חאראקטער און דער בוי פון זיין נאטור איז א בעזונדערער, וואס ציהט זיין אנהויב פון זיך זעלבסט און בלייבט פערגראבען אין איהם, איינגאנצען מיט אלע זיינע חסרונות און מעלות. ער בענעמט נישט גרינג, אבער דאס, וואס עס האט זיך שוין איינגעזאפט אין די שווערע, ווייניג בעוועגליכע מח און געפיהלען, דאס בלייבט שוין דארט אין איהם אויף לייַנגערע צייטען. עס דארף זיין א שטארקע קראפט, וועלכע זאל קענען ריהרען אט דעם נפש, האט עס אבער איהם געריהרט איז שוין שווער אט די מאכט צוריקנעמען פון איהם. וואלט איהם נישט בעגעגענט אויף זיין וועג מירעל, וואלט דער גאנג פון זיין לעבען, פון זיין ווילען געווען גאר אנ'אנדערער. אט דעם שווערען, ווייניג בעוועגליכען נפש, וואלט עפיס אנדערש פערנומען און ער וואלט שוין געווען געבונדען צו דעם. איצט אבער, אז מירעל און דאס בעזונדערע, וואס איז פאראן אין איהר, האט אריינגעדרונגען אין זיין הארץ און זיינע געפיהלען, איז שוין פארפאלען, צוריקציהען פון דארט איז שוין שווער. אט דאס אונמערקבאר-וואונדערבארעס, וואס מירעל האט אונבעוואוסט פאר זיך אליין אריינגעהויכט אין איהם, וועפט זיך שוין נישט אוים און ער בלייבט שוין ווי א פער'כשופ'טער אייף שטענדיג. עפיס מעהר פון א פער'כשופ'טען (א פער'כשופ'טער גיט-צו צו דער פאנטאזיע-שטרעבונג מעהר אייגענס, און דער ווילען איז שטארקער און בעוועגליכער), ווי א היפנאטיזירטער פון מירעלען און איהר אינערליכער וועלט, וואס איז איהם אי ווייט, אי נאהענט, אי פרעמד, אי היימיש, א היפנאטיזירטער ווי דורך א וואונדער-כח פיהרט ער זיין לעבען. צו מירעלען איז ער דאך נישט צוגעגאנגען בעוואוסטזיניג, ער פערשטעהט זי דאך נישט און פרובט זיך נישט פינאנדערקלייבען אין איהר און איהר וועלט, ער שאצט נישט אפ זיינע בעציהונגען צו איהר, אבער עפיס ציהט איהם צו איהר, נישט אזוי ווי צו איהר זעלבסט, ווי צו איהר שאטען. עפיס זאגען איהם אונטער זיינע געפיהלען און

עפּיס ציהט דאָך אַזוי שטאַרק. און דאָס ציהען ביי איהם ווערט ווי אַ קרענקליכעס. ער איז ווי אויסגעריסען געוואָרען פון זיין פעסטען באָדען, און מען האָט איהם געלאָזט אַזוי אַרומדרעהען זיך און נאָכגעהן מירעלס טריט, טראָגענדיג דערביי ביי זיך אינעווייניג עפּיס אַ בעהאַלטענעס כוד און אַ שטאַרקען וועהטאָג. ער בלייבט, דוכט זיך, ביי זיין אויסערער רוהיגקייט, און מיר זעהען אין איהם נישט קיין שטאַרקע אויפגערעגקייט פון דער אונבעוואוסטער אינערליכער קראַפט, נאָר ווי אַ פערטויבטער דורך אַנ׳אונבעוואוסטער, אונגליקליכער געשעהעניש שפּאַנט ער אַרום אַזוי צווישען לעבען און מענשען און אינעווייניג, בעהאַלטען פון אויג און אויער, לעבט אָט דאָס וואונדערבאַרעס אין איהם, און ער קען עס נישט פערשטיקען. אָט דער פשוט׳ער נפש, וואָס האָט צום לעבען קיינע פאָדערונגען נישט, בלייבט ווי צוגעבונדען צו מירעלען אין זי פערהלט איהם, ווען זי געהט פון איהם אַוועק. ער איז שוין אַנ׳אונצופרידענער, דער עיקר פון זיין וועזען איז ווי פערבליבען ביי מירעלען, און קומט עפּיס פאָר ביי איהר, ריהרט עס באַלד איהם און עס רופט זיך אָפּ מיט אַנ׳אונבעוואוסט־שטאַרקער קראַפט. און ער רוהט שוין נישט און ווי אַ שאָטען פון אַ פערגאַנגענער מאַכט, אַ מאַכט, וואָס האָט געלעבט, פערשוואונדען, אָבער נישט אינגאַנצען, דרעהט ער זיך אַרום, אַנ׳איינגעהאַלטענער און פערשלאָסענער אין זיך זעלבסט.

אין אָט דעם פשוט׳ען און אין ירושה פון זיינע עלטערען פערגרעבטען בחור, ליגט דאָך בעהאַלטען איידעלעס, ריינעס. מען קען זיך אין אמת׳ן פערוואונדערען: פון וואַנען איז איהם אָט די איידעלקייט געקומען און פון וואַנען האָט ער זיך געלערנט אַזוי בעזונדער איידעל בענעמען וועלט און מענשען. און, אפשר, דערפאַר, וואָס ער האָט אין זיך פאַרט ירושה־גראָבקייט פון זיינע עלטערען, איז איהם אָט דער ביסען, די נאָהענטקייט צו מירעלען, אַזוי שווער צוגעגאַנגען. ווייל פאָרט איז ער געבוירען, אויסגעוואַקסען און ער־

צויגען געוואָרען בײַ אברהם משה בורנעס׳ען, און זײַן הויז־געזינד, גראָבע, פּשוט׳ע אויפגעקומענע גבירים.

און אויב פריהער, באַלד ווי ער איז זיך צעגאַנגען מיט מירעלען, האָט ער זיך אַלץ אַרומגעטראָגען מיט׳ן געדאַנק פערבונדען זיין לעבען מיט איהרס און פלעגט אָהן אויפהער טרוימען וועגען אַנ׳אַלגעמיין לעבען און דערפון הנאה האָבען, האָט עס שפּעטער אויפגעהערט, און זיין נאָהענטקייט און צוגעבונדענקייט צו מירעלען איז שוין געוועזען אַנ׳אַבסטראַקטע, און ער האָט שוין דערפון גאָרנישט געבונדען מיט זיין אײגען לעבען. ער האָט זיך געפיהלט ווי שולדיג מירעלען און איהר שטוב, געפיהלט אינערליכע צוגעבונדענקייט צו זיי און האָט שוין נישט געזוכט קײן סמך צו זײַן שייכות צו זיי. ער האָט געפיהלט אַ נויטווענדיגקײט זיין בײַ ר׳ גדליה׳ס „אויסגעהן״, אונטערשטעלען די פּלײצע זיינע אונטער׳ן ארון, קומען צום וואָקזאַל בײַ גיטעלעס אָפּפאָהרען קיין אויסלאַנד און דערנאָך זיך אַראָפּ־חאַפּען צו דער סטאַנציע, וואו מירעל פערברײנגט די עטליכע טעג פאַר׳ן פערלאָזען דאָס שטעדטיל.

און מירעל בנוגע צו איהם פיהלט קײנע אינערליכע גע־פיהלען, ער איז דאָך אַזוי ווײַט פון איהר און פון איהרע געפיהלען־איבערלעבונגען און ער קען זי נישט ריהרען און פעראינטערעסירען, אָבער דאָך דערפיהלט זי זײַן גוטסקײט און איבערגעגעבענקייט צו איהר און זי דריקט אוים איהר דאַנקבאַרקײט מיט דעם קורץ קווי־טעלע, וואָס זי לײגט אַרײַן אַמאָל אינ׳ם טאַש פון זײַן פאָהר־חאַלאַט:

Ты хорошій!—

און ער, וואָווע בורנעס, האָט עס געלײענט „איבער׳ן גאַנצען וועג אַהײם, עס עטליכע טעג אַרומגעטראָגען אין זײַן טײַסטער צווישען די אַסיגנאַציעס און עס צו לעצט בעהאַלטען אין אַ בע־זונדער שופלעד׳ל, וואָס בײַ איהם אין פּײַער־קאַסע״.

און שמואליק זײַדענאָווסקי? מירעל אַלײן טוט אמאָל אַ טראַכט:

„—וועלוויל בורנעס—ער איז געווים מעהר פערגרעבט פון איהם, שמואליק׳ען, נאר דאך... קיין עקעל רופט ער יעדענפאלס נישט ארוים“.

א נודנער איז ער און לאנגווייליג־נארישער. איבערגענומען האט ער פון זיין פאטער גאוה און נצחנות און עס איבערגעקאכט אין זיין ווייבער־גוטענקער פסיחיק.

פון מירלען האט ער, שמואליק זיידענאווסקי, עפים געהערט, אמאל זי ווי עס איז בעגעגענט און וויל שוין פון דענסטמאל אן וועגען אנדערע שדוכים נישט הערען. אט דער נודנער נפש, וואס עקעלט שטענדיג מיט זיין נאהענטקייט, און זיינע ווייבע־צעקראכענע רייד שטעכען ווי מיט מעסער, אט דער נפש האט דאך, אייגענטליך, צו מירעלען קיין שייכות נישט, ער פערשטעהט זי נישט און קען זי נישט פערשטעהן. נאר מטושטש פיהלט ער אין זיך עפים א ווילען פארט האבען זי, מירעלען, פאר א ווייב און טוט שוין אלעס זי צו בעקומען. ערגיץ־וואו אינעווייניג נעמט ער זיך איבער דערמיט, וואס ער האט מירעלען דערגרייכט, א מין פוילע, נודנע צופרידענקייט בעקומט ער אין דער ערשטער צייט נאך דער חתונה, „ער ווערט דערפון רוהיגער, אפגעלאזענער און נמאס׳ער“ און דערנאך, ווען עס הויבט זיך אן ארויסווייזען דער תהום צווישען איהם מיט מירלען, ווען מירעל רייסט זיך פון איהר לאגע און עס הויבען זיך אן שווערע טעג אין זייער שטוב, נעמט ער זיך איבער מיט דער לאגע, וואס עס שאפט זיך ארום איהם מיט איהר. און מיר פיהלען יעדעס מאל א וועהטאג און פערדראס, וואס ארום מירלען דרעהט זיך און פלאנטערט זיך אט דער נודנער פוסטער יונגערמאן, וואס האט אפילו קיין ליידענשאפט נישט און פיהלט אפילו נישט, ווען מען טרעט איהם און מען שפייט איהם אין פנים אריין. ער שיקט שוין אפ די 200 רובל, וואס מירעל האט ביי זיין קרוב מאנטשיק גענומען צוליעב׳ן אבארט און שיקט־צו די געלד מיט א זיסליך צעטעלע:

„ש״ב היקר מו״ה מאָנטשיק! חן, חן לך בעבור הג״ח שנתת לרעיתי מירעלע תח׳י״.

און ווען מירעלעס פֿיהרען זיך רופֿט ארויס פֿערדראָס און אונצופֿרידענקייט ביי די זיידענאָווסקי׳ס, די גאנצע שטוב נעמט אָן פֿערשיידענע עצות קעגען מירעלען, און אלע אויפֿגעטראָגענע, רעדט מען וועגען גט, שיקט מען דעם יונגען שואליק שמועסען מיט שמואליק׳ען, איהם איינרעדען, מאכען א סוף פֿון דער לאגע, איז גענוג שואליק זאָל דערמאָנען מירעלעס נאָמען, נעמט שמואליק איהם אָן פֿאר דער האנט און האָט אָנגעהויבען רעדען אזוי שטיל און אזוי מאָדנע, אז איהם, שואליק ־ ליובאָשיצ׳ן, האָט שוין פֿאר׳ן הארץ א קלעם געטון:

„—דו פֿערשטעהסט, שואליק? מירעל איז א שלאק... געוויס א שלאק, נאָר, אז זי וויל, קען זי זיין גוט״.

און אונזער פֿערדראָס וואקסט, צוזאמען מיט דער אונבעהאָלפֿענקייט פֿון אָט דעם נודנעם־גוטען נפֿש, וואָס רוקט זיך אזוי אריין אין מירעלס לעבען. ער ווערט שוין א שור הנגזל און האָט שוין דערום פֿרעטענזיעס צו איהר. אונז עקעלט אזוי פֿריהער אָט די צופֿרידענקייט, די אָפּגעלאָזענע־נידנע צופֿרידענקייט, ווען ער ליגט אויסגעצויגען מיט די ווייסע ארבעל אויף דער נידריגער קאנאפּע, שלאָפֿט אָט די שבת־בייטאָגעדיגע שעה׳ן און שמייכעלט שוין פֿון הנאה, און עס עקעלט אונז נאָך מעהר זיין נודנע ליידען פֿון מירעלען, ווען ער אליין הויבט זיך אָן בעציהען צו זיך מיט רחמנות און צוליב אָט דעם רחמנות צו זיך, ווערט ער גרייט אויף א „העלדישען״ טהאט און פֿועל׳ט ביי זיך אזוי צו זאָגען מירעלען:

„—מירעל, זאָג, אפֿשר בין איך דיר שווער! איך קען דיר דינגען אין מיטען שטאָדט צוויי, צי דריי צימערען, זאָלסט וואוינען בעזונדער. פֿערשטעהסט, מירעל? איך פֿאָדער פֿון דיר גאָרנישט״.

און זי, מירעל, פֿון אָנהויב אָן האָט אָט דער נאריש־ליגנערישער נפֿש זי נישט אינטערעסירט, דערנאָך אָנגעהויבען זי עקלען און ארויסרופֿען פֿערדראָס אויף זיך אליין און איצט — קיינע נע־

פיהלען פיהלט זי צו איהם נישט און טענות האָבען צו איהם דאָס קען זי נישט,—און זי פיהלט דאָך שוין ערגיץ־וואו ביי זיך, אַז נישט ער איז אינגאַנצען שולדיג. אין איהר לעבען. אָבער גאָר שפּעטער קען זי שוין זיין נאָמען נישט הערען, ווייל דער נאָמען— ער בעליידיגט זי, זי און איהר גאַנץ וועזען.

אין אזוי קאַטעגאָריש ענטפערט זי, ווען מאנטשיק קומט צופאָהרען צו איהר אין שטעדטיל פ־ובען רעדען וועגען שלום מיט שמואליק׳ען:

„—ס׳וועט קיינמאָל נישט זיין... איהרט הערט, מאנטשיק?... קיינמאָל!

ביי מירעלען אין די אויגען האָט געבּרענט דאָס אומעטיגע, טיעף טרוימענדיגעס פייער׳ל; איהר פּנים איז געווען פערפלאַמט, און געביסען האָט זי די אונטערשטע ליפּ“.

די געהויבענע מינוטען מירעלעס.

אָבער נישט אינגאַנצען איז מירעלע גלייכגילטיג צו די אַרומיגע מענשען. די גלייכגילטיגקייט איהרע איז, ווי אַלעס ביי איהר, נאָר אַנ׳אויסערליכע, און אינערליך איז זי גאַנץ פערשיידען צו פערשיידענע מענשען. פון דער גלייכגילטיגקייט צו וואָווען וואַקסט אַלע מאָל אינעווייניג אין האַרצען אַ מילד־געפיהל פון האַרציגקייט און גוטסקייט, עס פערנעמט ביי איהר קיין אָרט נישט, אַט דאָס געפיהל, אָבער עס איז פאראן אין איהר און לאָזט זיך פיהלען. צו שמואליק׳ען אָבער פיהלט זי אַנ׳עקעל און נאָר אמאָל דערוועקט ער אין איהר רחמנות, און שטארקער איז דער רחמנות, ווען זי פיהלט, אז זי איז שולדיג אין זיינע יסורים. און מאנטשיק? אַט דער צעטראָגענער נפש, וואָס קען ער שוין זאָגען איהר און איהרע קאָנצענטרירטע געפיהלען־שטימונגען?

פון אלע מענשען, מיט וועמען מירעלע בעגעגענט זיך, איז הערץ דער איינציגער, וועלכער מיט זיין וועזען רופט זי ארויס זיך פערטראַכטען און טראכטען, און א דאנק איהם ווערט זי אָן

אַזוֹי אָפּט איִהר גלייַכגילטיגקייט. אין זייַן לעבּען און אין איהם זעלבּסט איז פאראן פיעל, וואָס ציהט־צו איהר אויפמערקזאמקייט און פעראינטע־רעסירט זי. אָט די אלע מענשען, וואָס רינגלען זי ארום, האָבּען בּיי זיך גאָרנישט אַלגעמיינעס צו איהרע איבּערלעבּונגען־געפיהלען, און זי איז זיי דערום פרעמד. צו הערצ׳ן פיהלט זי אינסטינקטיוו עפּיס א נאָהענטקייט, ווייל זי שפירט אין איהם פון אָט די געפיהלען־לייַ־דען, מיט וואָס זי איז אזוי אָנגעפולט. זי ווערט אויף איהר שטייַ־גער פערגאפט פון זיין שטימונגס־מעשה׳לע, וואָס די אקושאָרקע שאַץ לייענט פאר איהר, ווייל זי פיהלט אין דעם אלעם ריינעמישען צו דערגרייכען איבּער דער וואנט, וואָס שטעהט אויך אויף איהר וועג און לאָזט זי נישט אריבּער פון איהר פערגליווערטען צושטאנד. בּיי הערצ׳ן זעהט זי אנ׳אינהאלט און אָט דעם „עיקר״, וועלכער געהט איהר אזוי אָפּ. אָבּער אויך אין איהרע בּעציהונגען צו הערצ׳ן חזר׳ען זיך ווידער איבּער איהר אַרט צוגעהן און בּעציהען זיך צו מענשען. צו הערצ׳ן ציהט איהר אלץ אונטער די אויגען, ווייל זי זעהט אין איהם א מענשען מיט אנ׳אנדער וועלט, מיט אנ׳אייגען אינערליך לעבּען, וואָס איז אזוי נישט ענליך אויף דאָס ארומי־גע, און גאָר אינסטינקטיוו הויבּט זיך אָן וועבּען אין איהר אונרוהי־געס. און ווי פערגליווערטעס הארץ־בּיינקעניש און ציהעניש צו דער פיגור, וואָס האָט אָבּגעפארטיגט מיט דער גאנצער ארומיגער וועלט און ציהט זיך זיין לעבּען אויף זיין אייגענעם שטייגער. און איהר דוכט זיך שוין אזוי קלאָר, אז דער מענש האָט דורכגעמאכט איהר וועג און דערגאנגען עפּיס נאָך א שטיקעל, אָט דעם שטיקעל, וואָס זי שטעהט פאר דעם וויפיעל יאָהרען און קען עס בּשום אופן נישט איבּערטרעטען.

מיר דערוואוסען זיך אזוי בּדרך אגב וועגען א בּריעף, וואָס מירעלע האָט אמאָל געשיקט צו הערצ׳ן און ווי געזוכט פון איהם און זיך געפרעגט בּיי איהם וועגען דעם „עיקר״, וואָס פעהלט איהר אין איהר לעבּען. און אפילו זי בּעגעגענט נישט

פון זײַן זײַט די גרייטקייט געהן איהר אנטקעגען און מיטהעלפען איהר, דאָך ווען עס ווערט איהר שווער און זי זעהט ערגיץ־וואו א שטיקעל אויסגאנג, זוכט זי אזוי הערצ׳ן און רופט איהם צו זיך, האָפענדיג, אז ער וועט איהר געבען דעם כח, וואָס עס פעהלט איהר. אָבער יעדעס מאָל, וואָס זי טרעפט זיך מיט איהם אויג אויף אויג, ווערט ער אָן פאר איהר דעם ווערט, זי הויבט אָן פיהלען זיך בעליידיגט פון זײַן שמייכעל, פון זײַן טאָן און פון זײַן קאלטען בעציהען זיך צו איהר. הערץ קען איהר נישט בעהילפיג זײַן, און זי קען בײַ איהם גאָרנישט נעמען צו פערגרינגערען איהר אייגען לעבען. אפשר צו שפעט האָבען זיי זיך בעגעגענט. הערץ איז שוין אינעווייניג צופיעל דורכגעפוילט, און ווען מען זאָל איהם צעשנײַדען, וואָלט מען שוין א שטיק ליידיג הארץ געפונען, א הארץ, וואָס איז מיט דער צײַט דורך אייגענער ארבייט, דורך דער אייגענער איראָניע און שפּיצלערײַ אויסגעליידיגט געוואָרען. הערץ איז א שטיק מירעל, נאָר מיט מעהר קלאָרערע און בולט׳ערע שטריכען און מעהר בעוואוסטזיניג קוקט ער אויף זיך און אויף דאָס ארומיגעס. און אזוי ווי אין זײַן מעשה׳לע, קומט ער צו שפעט צו דער פרוי, וואָס איז שוין א האלב־טויטע, אזוי קומט שוין מירעל צו שפעט צו איהם. פון דעם פערגעניגען זיך אליין שטעכען און אָנטון זיך שפּיצלעך־וועהטאָגען, טוט ער עס אויך בנוגע צום צווייטען, און אויב פאר זיך איז דאָך פאראן צײַטען פון הארה, פון א אינערליכען בריה, בלײַבט פאר׳ן צווייטען דערפון גאָרנישט. אין איהם לעבט נאָך געגוג אינערליכע צוגעבונדענקייט צום פאָלק, און אין דעם געהויבענעם און וואונדערליכען טראגיזם פונ׳ם פאָלק, ציהט ער בעזונדער חיות־יניקה. ער האָט נאָך גענוג שעהנע אויגען צו זעהן עפּיס און א פיהלענדיגעם הארץ צו פיהלען אזוי, אז עס זאָל מיט אמאָל, פּלוציִם, איהם איבערבײַטען און ער זאָל ווערען ווי אנ׳אנדערער, מיט א פערגאַפטען געמיט און פערחאפּטען אָטעם.

אָט דער איראָניזירענדיגער הערץ געהט זיך אזוי איבער׳ן

שטעדטיל אין א פרייטאגדיגען פארנאכט. „עס איז שוין די וויטע און רויטע זון געהאנגען אין מערב ווערטיקאל, ווי א גרויסע פייערדיג־גאלדענע מטבע, און אין אנהויב ערב־שבת'דיגען שטעדטיל איז ער איינער אליין געשטאנען. פון זיינע קליינע אריינגעגראבענע אויגען האט ווי שטענדיג ארויסגעשמייכעלט דער גרינער אפגלאנץ, און אליין האט ער איינגעבויגענערהייד געקוקט אויף די אידען, וואס זיינען שוין צוריק פון מרחץ געקומען, שטעהען דא און דארט נעבען זייערע פונאנדערגעעפענטע טירען און גרייטען זיך געהן צו קבלת־שבת. הערצ'ס פנים איז אינגאנצען געווען איינגעטונקען אין דער שיין פון דער אונטערגעהנדיגער זון; ער האט אויסגעזעהן א גאלדענער. ער האט דערזעהן מירלען, געטון צו איהר עטליכע שפאן און איהר אנגעוויזען אויפ'ן שטעדטיל:

— זאל זי א קוק טון: ממש א שבת'דיגער הימעל; שבת'דיג זעהען אויס אויפ'ן מערב'דיגען בארג אפילו די ארומיגע פעלדער.

מירעל האט מעכאניש א קוק געטון צום בארג און האט דארט גארנישט געזעהן, חוץ דעם מיעדען גוי, וואס דעראקערט צו נאכט זיין פעלד". — — —

יא, עס איז פאראן וואס עס זאל באנג טון. מירעל, אט די טאכטער, דער יורש פון ר' גדליה הורוויץ, וואס טראגט אין זיך דעם בעזונדער־שטאלצען און שעהנעם אידישען מיטעל־אלטער, אין זיין נשמה און אויף אלע זיינע איברים, אט די טאכטער פון דער אידיש־יחסנ'ישער שטוב, וואס האט פאר זיך אזא לאנגע קייט פון רבנים־גאונים, אט די אידישע טאכטער פיהלט ניט די אידיש־קייט אין זיך און זי זעהט נישט קיין שבת'דיגע הימלען. טרעפט אמאל, אז דו זעהסט אויף מירלען אידישע יום־טוב־קליידער, וואס מען האט זיי אויף וואך גענומען, אבער פון יום־טוב האט זי שוין ווייניג וואס פאר א בעגריף.

א פערגאפטער פון דער ארומיגער יום־טוב־שטימונג, ווייזט ער אן מירלען:

„—זאָל זי א קוק טון: ממש אָ שבת׳דיגער הימעל; שבת׳דיג זעהען אוים אויפ׳ן מערב׳דיגען בארג אפילו די ארומיגע גרינע פעלדער.

אָבער מירעל זעהט נאָר דעם מיעדען גוי. „זי האָט נאָך נישט געוואוסט, צי הערצ׳ס ווערטער האָבען א איראָנישען זינען, צי ניין, און האָט געקוקט אויף איהם מיט דערשראָקען־ערשטוינטע אויגען:

—בכלל ווייס זי נישט, וואָס ער וויל פון איהר, אָט דער פארשיין, און קען איהם מיט׳ן שכל נישט תופס זיין.

און ביי איהם האָבען די אויגען נאָך איראָנישער צו שמייכלען אָנגעהויבען. ער האָט זי בעטראַכט, ווי אַ קלוגעטשקער און געפרעגט האָט ער שוין ביי איהר, אַ פנים, גלאַט אַזוי פון חוזק וועגען:

—זי האָט אַמאָל געטראַכט וועגען אידען?“

טיעף איז איינגעגראָבען אין הערצ׳ן אָט דער איראָניע־שמייכעל, און מירעל פיהלט זיך מיט איהם שטאַרק בעליידיגט און קען נישט אָפּשווייגען:

„—פאַראַן מענשען, וואָס מוזען בעליידיגען מיט יעדען וואָרט, וואָס זיי רעדען אַרויס“.

און הערץ, וואָס איהם האָט געלונגען אַלעס אין זיך און אַלעס, וואָס אַרום זיך, צו נישט מאַכען, וואָס זיין שטעכענדיגער קיק טרעט פון איהם אויף איין ווײלע נישט אָפּ, ער אַליין ווערט פערגאַפט פון מירעלען און איז שוין אין אַ צעטעל איהר מודיע: „אויב ער וועט נאָך אַמאָל קומען אַהער אין שטעדטיל, וועט דאָס זיין אויסשליסליך צוליעב איהר, מירלען“, אָבער מירעלע דערמאָנט זיך, בעת איהר בעגעגעניש מיט הערצ׳ן, אָן דעם צעטעלע און בעשליסט ביי זיך: „ניין, עפּיס איז שוין אין יענעם צעטעלע געווען ערגערס, ווי אַ ווערטעל“.

הערץ פיהלט זיך זיין הנאָה טרעטען אויף איינענע און רעמדע געפיהלען. געווים איז שוין מירעל איהם נאָהענט און איז איינגעבאַקען איהם אין האַרצען, אייב ער איז פאָרט צו איהר

אַראָפּגעפאָהרען, און ער האָט שוין חיות דערפון, וואָס ער בעליי־דיגט זי און שפּאָט פון איהר אַזוי גראָב, ווען זי ציהט זיך צו איהם און וואַרט פון איהם עפּיס אַ וואָרט; עפּיס אַ וואָרט פאַר איהר האָט ער דאָך, אויב ער האָט איהם נישט אין זיך, ווייס ער פון איהם, נאָר מיט עקשנות פערבייסט ער זיינע ליפּען און ווייזט אַליין זיין שמייכעל. עס איז שוין ביי איהם אַזוי נאָהענט פון ערנסט צו שפּאָט, פון אַנטציקונג ביז בטול, פון גלעטען ביז שטעכען. אַמאָל, אַמאָל האָט ער דאָך געווים אין זיך פערמאָגט אינערליכע ליעבע און אַנטציקונג, אָבער דאָס איז שוין ביי איהם ווי אַ ווייטער־פער־גאַנגענער חלום. איצט איז שוין אַלעס ביי איהם פון יענער זייט, ער איז שוין זיין וועג ווי דורכגעגאַנגען און ווייל איהם דוכט זיך, אַז ער איז דורכגעגאַנגען נישט ווי ס׳דאַרף צו זיין, צאָהלט ער אַליין זיך אַליין און רעכענט זיך אָפּ מיט זיך. און יום־טוב און וואָך, אינערליכע שכּרות און מאָדנע ניכטערקייט טרעפען זיך ביי איהם צוזאַמען. ער אַליין בעמערקט שוין נישט אויף זיך דעם איבערגאַנג פון איינס צום צווייטען, אַזוי צונויפגעפלאָכטען זיינען אין איהם אָט די ווידערשפּרעכענדיגע כּחות. ער קוקט אויף וואָס ס׳איז, הויבט זיך אָן פערגאַפען און אַנטציקען, אָבער באַלד בעווייזט זיך אין זיינע אויגען דאָס לצ׳ל, דער חוזק־מאַכער פון זיך אַליין, און פּייער׳ל מיט לצ׳ל מישען זיך צונויף אינאיינעם. אונטער די אויגען גאַרט ער דאָך נאָך מירעלען, אויך, ווען ער בעגעגענט זי, ציהט עפּיס אַזוי מאָדנע ערגיץ־וואו נאָך די בעהעלטענישען פון איהר נשמה, נאָר ער ווערט באַלד דערשראָקען דערפון און האַפּט זיך צו דער צווייטער זייט.

צופיעל קלוג זון צופיעל ניכטער איז ער, אָט דער הערין, און פיינט האָט ער די סענטימענטאַליטעט און וואָס ער טוט נאָר, געהט פאַר איהם די בעטראַכטקייט זיינע און דער איראָנישער שמייכעל בעגלייט עס. ער האָט פיינט סענטימענטאַליטעט און ער האט מורא פאַר איהר, ער שרעקט זיך פאַר דער שוואַכקייט אין

נאַרישקייט און אין מירעלען זעהט ער פיעל פון אַט די בעקעמפ־טע אין זיך סענטימענטאַלע געפיהלען און ווען ער בעליידיגט זי, בעליידיגט ער אין אַ גרעסערער מאָס זיינע אייגענע געפיהלען.

און נאָך: צוליעב דעם פּועל־יוצא זעהט ער נישט די עצם־זאַך און, ווילענדיג אַרויספיהרען אַ בעשלוס, געהט ער פאַרבּיי דאָס טראַגישע לעבען, די ליידען־וועהטאָגען פון מירעלען אַליין. און ווען פרי־הער פאַר הערצ׳ם ווערטער וועגען מירעלען „קליינשטעדטילדיגע טראַ־געדיע“ וואָלט געווען אינערליכעס, וועהמאָגדיגעס מיטגעפיהל צו איהר פערזענליכעס לעבען, וואָלט עס נישט אַזוי פערדראָסען מירעלען. מירעל אָבער, איבערהויפּט אונטער די אויגען, וויל פערגעסען און פערגעסט אַט די ניבטערקייט אין איהם, אַט די אָפּשטייסענדיגע זייטען אין זיין חאַראַקטער. און ווען זי דערפיהלט זיך אַראָפּגעפאַלען און דערשלאָגען, ברייגנט זי ווידער אַראָפּ הערצ׳ן און זאָגט אַרויס פאַר איהם אַזוינע רייד:

„—הערץ, כ׳האָב דאָ אויף דיר אַזוי פיעל געוואַרט; קיינער האָט נאָך געוויס קיינמאָל אויף דיר אַזוי פיעל נישט געוואַרט.

אין חדר איז געווען שטיל, הערץ איז געווען ברוגז און האָט נישט געענטפערט.

— הערץ, — האָט מירעל געזאָגט, — איך פערשטעה שוין די לעצטע צייט אַזוי ווינציג, וואָס מיט מיר טוט זיך, איך ווייס נישט, פאַרוואָס איך האָב וועגען דיר אַזוי פיעל געטראַכט —איך ווייס שוין אפילו נישט, צוליעב וואָס איך בין אַהער אין שטעדט׳ל אַראָפּגעקומען.

זי האָט זיך פערטראַכט און צוגעגעבען:

—איהר האָט זיך געדוכט, אַז דאָ אין שטעדטיל וועט איהר זיין בעסער. איהר דוכט זיך נאָך אַלץ, אַז „ערגיץ־וואו“ וועט איהר זיין בעסער.

„הערץ האָט געקלונגען מיט אַ גלאָז און מיט אַ לעפּעלע און האָט זיך צוליעב׳ן האַלז פאַרקאָכט באַר־וואַסער פון זודיגען סאַמאָוואַר“.

און מירעל רעדט און בעט זיך ביי איהם אַלץ:

—„הערץ, מיר דוכט זיך נאָך אַלץ, אַז דו ווייסט עפּיס מעהר פון מיר“.

איהר דוכט זיך נאָך בכלל, אַז ערגיץ־וואו זיינען פאַראַן אַזעלכע איינציגע, וואָס ווייסען „עפּיס“ און האַלטען „עס“ בסוד... זאָל איהר הערץ מוחל זיין, וואָס זי האָט איהם אַהער אַרויסגערופען... איהר איז שוין געבליבען אין לעבען אַזוי ווינציג, אַחוץ דעם, וואָס איהר דוכט זיך, און איצט זיצט זי דאָ אין שטעדט׳ל... זי נידעט זיך און טראַכט וועגען דעם. גאַנצע פאַרנאַכטען זיצט זי נעבען ליבקע דער רבי׳צין אויפ׳ן גאַניק און קוקט קיין מערב צום ברע־נענדיג־רויטען הימעל־עק. און איינמאָל פאַרנאַכט האָט זיך איהר שוין געדוכט, אַז פון דאָרט, פונ׳ם רויטען עק־הימעל, קוקט צו איהר אַרויס אַ צווייטע פייערדיגע מירעל און ווינקט צו איהר פון דער ווייט: „קיינער, ווינקט זי צו איהר, ווייס נישט, צוליעב וואָס ס׳בלאָנ־דזשעט אַרום מירעל הורוויץ. און איך, מירעל, וואָס איך ברען אין פייערדיגען עק־הימעל אויפ׳ן האָריזאָנט, ב׳האָב שוין אַמאָל אויך אַרומגעבלאָנדזשעט און האָב אויך נישט געוואוסט, צוליעב וואָס“.

און אָט די איבערלעבונגען־געפיהלען זיינען דאָך, אייגענטליך, אויך אַזוי נאָהענט הערצ׳ן און אויך צו איהם קוקט אַרויס אַזוי אָפט אַ צווייטער פייערדיגער הערץ און ווינקט איהם פון דער ווייט: „קיינער ווייס נישט, צוליעב וואָס ס׳בלאָנדזשעט אַרום הערץ“. אָבער הערץ וויל זיך נישט דורכשמועסען מיט דעם צווייטען פייערדיגען הערץ אין דער אָנוועזענקייט פון אַנדערע. דער אירא־נישער פּנים האָט ביי איהם קוים געשמייכעלט. די גאַנצע צייט, וואָס מירעל האָט גערעדט, האָט ער אַזוי געשמייכעלט. ער איז פון איהר שמועס נישט צופריעדען געווען און האָט איהר צום סוף די רייד איבערגעשלאָגען:

—„יאָ, אָבער נאָך וואָס טוט שוין דעם ערשטען אָוועגט רעדען וועגען אַזעלכע הויכע זאַכען?“

אַ בלאַסע און שטאַרק בעלײדיגטע געהט מירעל אַוועק פון איהם אָהן אַ „גוטע נאַכט" און לאָזט זיך איבער די פינסטערע געסלעך צו זיך.

אויפ'ן שטעדטיל האָט זיך דערנאָך גערוקט דער גראָהער אָנהויב־טאָג. „אין אַלע הייזער שלאָפט מען, און נאָר דאָרט, אין אָנהויב־מאַרק, לייכט זיך נאָך אַלץ אין הערצ'ס צימער, וואָס אין איינפאָר־הויז, און די רויטע פאָרהיינגלעך זיינען אַראָפּגעלאָזען און פערשטעלען איהם מיט ויין בײנאַכטיגער שרייבערישער אַרבייט".

און אין דער זעלבער צייט האַפּט זיך אויף פון שלאָף ליבקע די רבי'צין. פון מירעל'ס צימער הערט זיך אַ געוויין־חליפען. „איהר קול איז געווען אַנ'איינגעהאַלטענער, אַ נאָגענדער און האַלב־דער־וואָרגענער. אַלע מאָל האָט ער זיך געשטאַרקט מיט אַ ניי צוגע־קומענעם שטראָם פון וויינענדיגען־חליפען און דערמאָנט אָן איהרע קינדערשע בת־יחידה־יאָהרען. דענסטמאָל האָט זיך געהערט, ווי אונטער איהר טרייסלענדיגען קערפער סקריפּעט די בעט, און גע־דוכט האָט זיך, אַז עמיצער שטעהט דאָרט איינגעבויגען איבער איהר קאָפּ, וואַרגט זי פאַר'ן האַלז און דערמאָנט איהר:

—האָסט עס אומגעבראַכט, דיין לעבען... און פערפאַלען איז דאָס שוין, אויף אייביג פערפאַלען".

פערפאַלען... אויף אייביג פערפאַלען?

מיר געהען צו צום „נאָך אַלעמען", ווי בערגעלסאָן אַליין איז צוגעגאַנגען צו איהם און איהם געשאַפען, און דאַן איז דער „נאָך אַלעמען" עפּיס מעהר פון אַ בוך. עס איז דאָס, וואָס איז אין אַ בוך נישט אַריין, נישט איינגעשלאָסען אין ראַמען פון אַ בוך.

ליטעראַטור איז אין אַ געוויסער מאָס געפרעסטעס לעבען, דאָס רוישענדע, פליסענדע לעבען ווערט אַריינגעגאָסען אין בעשטימטע ליטעראַרישע פאָרמען. און אַזוי אַרום פערלירט דאָס לעבען, די געשעהענישען-צוזאַמענשטויסונגען פון לעבען פיעל פון זייער אינהאַלט און נאָך מעהר פערלירען זיי זייער פאָרם, ווייל פון דעם חאַאָס זייערען, פון דעם ברויזענדיגען האַאָס, וואָס האָט קיינע געזעצען און געשטעלטע וועגען, שאַפט זיך אַ גאַנצע, פערענדיגטע זאַך.

דער מענש לעבט קיינמאָל נישט אַזוי סכעמאַטיש, אַזוי פּלאַנמעסיג, ווי ער לעבט אין דאָס רוב ביכער, די געשעהענישען ביי איהם זיינען נישט אַזוי קאָנצענטרירט ווי אין ליטעראַטור, איז דערום אין די ביכער אַ דורכגעסטיליזירטע, געקינסטעלטע לעבען. פיהלט זיך אין די ביכער פיעל דאָס געמאַכטע און צוזאַמענגעשטעלטע, וואָס רויבט צו ביים לעבען פיעל פון דאָס חאַאָטישע, בעוועגליכע און וואַרפענדיגע, פון וואָס עס בעשטעהט.

ביי בערגעלסאָנען אין „נאָך אַלעמען" (אַנדערע וועלען עס געפינען פאַר אַ חסרון) פיהלט זיך ווייניג דאָס בוך, און פאַר איהם אַליין, אפשר, איז „נאָך אַלעמען" קיין בוך נישט געוואָרען כמעט ביז די לעצטע זייטלעך.

לייענען מיר „נאָך אַלעמען" אַזוי, שטיקליכווייַז, פון מיטען, אַזוי זעהען מיר און עס ווערט בּיי אונז אַ בּעשטימטע זאַך, אַז בּערגעלסאָן זעלבּסט געפינט זיך אין אַ געוויסער ווייַט פון מירעלען, פון איהר לעבּען און אַלעס אַרומיגעס. אָט דאָס לעבּען איהרעס פיהרט זיך אַליין, פאַר זיך, אָהן בּערגעלסאָנס ווילען און אָהן זייַן וויסען, און ער איז נאָר אַ צושייער, אַנ'אויפמערקזאַמער צישויער, וואָס ווערט אַזוי צוגעצויגען אין פערהאַפט פון מירעלען און איהר אַרט לעבּען. דאָס רוב איז אַזוי גרויס בּערגעלסאָנס ליעבּע צו איהר און זיין ענטציקונג פון איהר אויסזעהן, פון איהרע טהאַטען, בּעוועגונגען און אַרט פיהלען און בּענעמען די וועלט און מענשען. אַנ'אַנטציקטער, פול מיט ליבּע־אַכטונג צו איהר, געהט ער איהר נאָך, פלייַסט זיך נאָכקוקען איהרע מעשים און נאָכשפּירען איהרע בּת־יחידי'שע קאַפּריזען, וואָס בּיי איהם אין די אויגען זייַנען זיי גאָר קיין קאַפּריזען נישט, נאָר שעהנע־ערנסטע בּעוועגונגען. צייטענווייז ווערט מירעלע ווי דערווייטערט פון איהם, גלייך זי בּעהאַלט זיך פון זיין אויג, דאַן ווערט גרויס די בּייַנקשאַפט זיינע נאָך איהר. אָפטמאָל טרעפט ער זיך נעהענטער, אַמאָל אויך אויג אויף אויג און עס געלינגט שוין איהם בּעמערקען איהר געזיכט און שטריכען פונ'ם געזיכט, ער זעהט שוין דעם שייַן פון איהרע בּלויע אויגען און האַפט שוין פון איהר אַ וואָרט. נאָך דעם הויבּט שוין בּערגעלסאָן אָן ציהען דעם פאָדים פון איהרע געפיהלען־געדאַנקען אַליין ווייַטער, ווייַטער.

און מיר האַפען זיך ערטערווייז: מעגליך, אַז דער ווייַטערער פאָדים איז שוין מעהר בּערגעלסאָנס און איז שוין, אפשר, דערווייטערט אַביסעל פון מירעלען. און ווען מירעלע זאָל זעהן דעם המשך־פאָדים פון איהר לעבּען, וואָלט זי שוין מיט אינטערעס און אַנטציקונג זיך צוגעקוקט צו דעם און וואָלט שוין אַליין בּיי זיך נישט געוואוסט, צי עס וואָלט זיך אויך אַזוי געצויגען דער פאָדים בּיי איהר אַליין, ווי ער איז דורכגעצויגען דורך דעם זייטיגען פיהלענ־

דען מענשען. און עס ציהט זיך אַזוי דער פֿאָדים פֿון איהרע געפֿיהלען-געדאַנקען, געשעהענישען-איבערלעבונגען, ביז בערגעל-סאָנען געלינגט ווידער זיך טרעפֿען מיט מירעלען.

אָט אין אַזעלכע מינ׳ע הפסקות איז מירעל און איהר לעבען ווי פֿערצווייגען מיט אַ נעבעל און זי אינגאַנצען, מיט איהרע אינער-ליכען לעבען-ליידען איז שוין אַ שטיק סוד פֿאַר בערגעלסאָנען זעלבסט, און אין זיין דערצעהלען שפּירען מיר שטאַרקע ליידען פֿון בענקשאַפֿט, ביינקשאַפֿט און צוזאַמען מיט דעם יראת-הכבוד צו איהר און צו איהר לעבען, וואָס קומט פֿאַר ערגיץ הינטער די ווענט.

„שווער איז שוין געווען אנ׳עק דערגעהן, צי פֿאָהרענדיג אין קרייז-שטאָדט, האָט מירעל געוואוסט, אַז זי וועט זיך דאָרט מיט איהם (מיט שמואליק׳ען, איהר קינפֿטיגען מאַן) טרעפֿען, צי דער טרעפֿען זיך איז שוין אַ צופֿעליגע און אונגעריכטע זאַך אפֿילו פֿאַר גיטעלען מיט׳ן קאַסיר געווען“.

דאָס לעבען מירעלעס קומט פֿאַר פֿאַר בערגעלסאָנס אויגען און אַזוי אויך פֿאַר אונזערע אויגען אין דער צייט פֿון אַ יאָהר, אַ יאָהר, וואָס האָט אַזוי פֿיעל געביטען און אומגעביטען אין מירעלעס לעבען. אָט דעם יאָהר איז בערגעלסאָן ווי נאָכגעגאַנגען און מיטגעלעבט איהר לעבען און וועגען דאָס פֿריהערדיגע, פֿער-גאַנגענע לעבען רעדט בערגעלסאָן כמעט גאָרנישט, ער פֿיהרט עס דורך נאָר אויף אַזוי פֿיעל, אויף וויפֿיעל עס ווערט ארויפֿגעבראַכט אין דעם גאַנג פֿון די געשעהענישען-איבערלעבונגען ביי מירעלען זעלבסט אין איהרע געפֿיהלען-געדאַנקען. ערגיץ-וואו טרעפֿען מיר זיך מיט אַ פֿאָר השערות וועגען איהר אַמאָליגען לעבען, און אָט די ערטער ווייזען זיך שוין ווי השערות, און מיר אליין קענען דאָס אויך טון, ווי עס טוט בערגעלסאָן: קלערען, ווי מירעלע איז געווען קינדווייז, ווי זי איז געוואָקסען און געלעבט ביי איהרע

עלטערען אין שכוּב, נעמענדיג אין בעטראַכט די איצטיגע מירעלע, וואָס איז פאַר אונזערע אויגען.

און איבערלייענענדיג דעם „נאָך אַלעמען“ קומען מיר צו אַ בעשלוס:

פיעל, פיעל טוט זיך בײַ מירעלען און אַרום איהר, פיעל וואָס עס איז אין בוך נישט אַרײַן. שווער צו זאָגען: איז פון אַט דעם פיעל'ען געוועזען בעהאַלטען פאַר בערגעלכאָנען, אָדער עס האָט איהם נישט אינטערעסירט. וויפיעל מאָל הויבט זיך אָן דער קאַפּיטעל באַלד נאָך דער געשעהעניש און צוזאמענשטויס אין מירעלעס לעבען, און דאָס בילד, וואָס ווערט דורכגעפיהרט אינ'ם בוך, איז שוין אַ מין פועל־יוצא, אַ נאָכוועהעניש נאָך דאָס אָבגעטוועגנע פריהער אַביסעל. איז דאָס וויכטיגע געבליבען ערגיץ הינטער, און מיר ווייסען וועגען דעם נאָר רמזים.

מיר ריידען וועגען „נאָך אַלעמען“, ווי בערגעלסאָן אַליין רעדט וועגען דעם, ווי פון אַ שטיק לעבעדיגעס לעבען: ווײַל לייענענדיג דאָס בוך, פיהלען מיר אָהן אויפהער דאָס לעבען פון מירעלען, דאָס לעבען, וואָס איז געבליבען לעבען פאַר'ן בוך, אין בוך און אויסער'ן בוך.

דער „נאָך אַלעמען“ ווערט נאָהענט און ליעב דעם לעזער נישט דערפאַר, וואָס דאָס לעבען, וואָס איז געשילדערט אין איהם, איז נאָהענט און היימיש איהם, און מירעלע, אויב זי וועט ווערען אַ היימישער און ליבענדיגער מענש צווישען דעם אידיש'ען לעזע־פּובּליקום — איז עס נישט דערפאַר, וואָס זי זאָגט דעם לעזער וועגען זייערע אייגענע איבערלעבונגען־געפיהלען, און איהרע פאַסירונגען־ליידען זיינען עהנליך צו פיעל אין דעם לעבען פון דער געזעלשאַפט.

אפשר זײַנען אַזעלכע מירעלעך פאַראַן גאָר געצעהלטע, און איהר לעבען איז גאָר אַנ'אײַגענס, אײַגענאַרטיגס, וואָס זײַן גלײַכען איז נישטא פיעל. דאָך וועט „נאָך אַלעמען“ אַזוי נאָהענט און היימיש זײַן. פאַראַן בײַ מענשען פיעל געפיהלען, שטימונגען,

איבערלעבונגען, צעווארפענע אין די ווינקעלעך פון דעם מענשענס מח און נשמה, וועלכע האבען נישט קיין קלארע פארמען און זיינען נאך נישט איבערגעגאנגען אין וואכערע ס׳איז רעאלע פאר שטעלונגען. און ווען מיר בעגעגענען מענשען מיט אייגענע וועלטען, מיט אנ׳אייגענעם ארט דענקען און פיהלען, דאן רופען זיך ארויס די צעווארפענע, בעהאלטענע געפיהלען־איבערלעבונגען, איינדרוקען־שטימונגען פון די ווינקעלעך, קלעפען זיך איינע צו דער צווייטער און געהען ארויס פערענדיגטע און גאנצע.

עס הייסט נאך נישט, אז דער טיפ, וואס דער שרייבער פיהרט פאר אונז דורך, דארף אנטהאלטען אין זיך פיעל אלגעמיינע שטריכען, און זיין לעבען אין איינצעלקייטען דארף זיין גלייך צום לעבען פון פיעל, כדי עס זאל ווערען נאהענט און אינטים די לעזער. די גאנצע און פערענדיגטע לעבענס־פארמען פון דעם טיפ מיט זיין גאנצער אייגענארטיגקייט, דערמאנען אונז אן אונזער אייגען לעבען. איין בילד רופט ארויס דאס אנדערע, אפילו גאר נישט ענהליכעם צו דעם, און איין שטימונג שאפט די צווייטע.

און דאס איז די מעלה פון אנ׳אמת קינסטלעריש ווערק: ווי דאס לעבען דארט זאל נישט זיין אייגענארטיג און געשלאסען אין זיינע אייגענע ראמען, רופט עס ארויס געפיהלען־געדאנקען ביי דעם לעזער, וואס זיין לעבען איז גאר פערשיידען און נישט ענהליך צו דאס געשילדערטע.

מירעלע ווירקט אויף אונז מיט דער נויטווענדיגקייט פון איהר אייגענארטיגען לעבען און מיט די אייגענארטיגע פארמען, וואס איהר לעבען האט. איהרע פיהרונגען און טהאטען זיינען אזוי נויטווענדיג און אלעס, וואס עס טוט זיך ביי איהר, שטאמט אזוי פון איהר חאראקטער, פסיחיק, ארט בענעמען און בעציהען זיך צו וועלט און מענשען, אז מיר, וואס שטעהען אן דער זייט, און אונזער לעבען שיידט זיך אזוי אפ פון איהרעס, אויך מיר פיהלען די אפהייניגקייט, מיר ווייסען קיין אויסוועג

נישט פאַר איהר, ווײַל אַלעס, וואָס ס׳טוט זיך מיט איהר, איז אַזוי געבונדען מיט דעם גאַנצען סכום פון איהרע אייגענע איינגעשאַפטען און די אַרומיגע לעבענס־געשעהענישען. דער אײַנדרוק פונ׳ם בוך איז אויף אונז איבעריגנס שטאַרק, ווײַל מיר פיהלען אָט דאָס געזעצליכקייט פון דעם לעבען און מיר פון דער זײַט זײַנען שוין אַזוי אומבעהילפיג בנוגע צו מירעלען, אַז בײַ אונזער שטאַרקסטער אונצופרידענקייט, קענען מיר קיינע טענות צו איהר נישט האָבען, און בײַ אונזער גרעסטען מיטגעפיהל, האָבען מיר קיינע עצות נישט איהר פאַרצולייגען. פעסט און האַרט איז דער אמת פון איהר לעבען און איהרע מעשים.

איבערצײַגענדיג זײַנען בײַ בערגעלסאָנען די טהאַטען און געשעהענישען, אָבער נישט איבערצײַגענדיג איז בײַ איהם דאָס שילדערען און צופיהרען צו זיי די טיפען. די טהאַטען־געשעהענישען זײַנען אויף אַזוי פיעל נאַטירליך און נויטוועגדיג, אויף וויפיעל נאַטירליך און נויטוועגדיג איז דאָס לעבען, וואָס בעשטעהט פון בלויזע געזעצען און ווייסט דאָך נישט פון קיינע געזעצען. אין בוך פיהלען מיר שוין טענדענץ, ווי אין לעבען אליין, און מיר שטעהען שוין פון דערווײַטענס, ווערען פערגאַפט, זײַנען עדות, אַמאָל נעהענטערע, אַמאָל ווײַטערע פון דעם, וואָס קומט פאָר און געהט זיך זײַן וועג פארבײַ אונז.

אין „נאָך אַלעמען״ פיהרען זיך נישט די האַנדלונגען צו וואָסער ס׳איז פונקט, און בערגעלסאָן ווײַזט נישט דעם וועג און אויסוועג פון דער געשאַפטער לאַגע. דאָס, וואָס מיר בעקומען פון „נאָך אַלעמען״, געהט אַרויס פונ׳ם בוך אַליין, נישט אַזוי פונ׳ם בוך, ווי פון די געשעהענישען אין בוך.

פאַראַן שרײַבער, וועלכע מיהענדיג זיך געבען דעם העלד מיט זײַן נאַנצער פערוויקעלטער נאַטור און אַרט לעבען און דענקען, פיהרען זיי דורך אייניגע וויכטיגע צוזאַמענשטויסונגען מיט דעם אויסערען לעבען, מיט דער אַרומיגער ווירקליכקייט און מיט

אַנדערע ווידערשפּרעכענדיגע זײַ מענשען. בײַ די שרײַבער ווערט די גאַנצע ערצעהלונג געפֿיהרט צו אַט די צוזאַמענשטויסונגען, וועלכע זײַנען די קולמינאַציאָן-פּונקטען אין דער ערצעהלונג און אַלעס איבעריגעס איז ווי וועגעלעך, שמאָלע וועגעלעך, וועלכע פֿיהרען צו דעם פּונקט. אָט די מחברים זײַנען ווי היסטאָריקער, וועלכע ווײַזען אָן אָט די פֿערשיידענע קרעפֿטען און סבּוֹת, וועלכע גרייטען-צו וואָסערע ס׳איז גרויסע געשעהעניש. אָט אַזוי האָט געשריבען ל. נ. טאָלסטוי, מיט דער גרויסער רוהיגקייט און מאָדנער זיכערקייט אין זײַנע שילדערונגען. בײַ דאָסטאָיעווסקי׳ן וואַקסט נישט אַזוי רוהיג און פּאַמעליך דער דראַמאַטיזם, בײַ איהם הויבט זיך גלײַך אָן פֿון דער געשעהעניש. צוערשט איז גאָר נישט קלאָר פֿאַר׳ן לעזער דורך וועמען און אַ דאַנק וועלכע כּחות האָט זיך אָפּגעטון דאָס, וואָס ס׳האָט זיך אָפּגעטון, און נאָר ביסליכווײַז ווערט פֿונאַנדערגעעפֿענט דער פֿאָרהאַנג פֿון די געשעהענישען, וועלכע האָבען שטענדיג אַ געהיימען חאַראַקטער און זײַנען ווי אַ גרויסער פּלאָנטער, און דער לעזער צוזאַמען מיט׳ן מחבר דרעהען זיך אין איהם.

בּערגעלסאָן האָט נישט די רוהיגקייט פֿונ׳ם ערשטען און ווייסט נישט פֿון דעם פּלאָנטער, וואָס בײַם צווייטען. נישט עס ווערט בײַ איהם צוגעפֿיהרט צו הויפּט-געשעהענישען, און נישט די הויפּט-געשעהענישען זײַנען דער עיקר אין בּוך, נישט אַרום זיי פֿיהרט זיך דער ראָמאַן. דאָס לעבען געהט זיך זײַן וועג, אָהן דעם בּעוואוסטזײַן פֿונ׳ם מחבר. עס געהען זיך דורך קלײַנע, דוכט זיך, גאָר נישט קיין וויכטיגע מאָמענטען און דערבּײַ כּמעט ווי בּדרך אגב, אָהן שום אָנשטרענגקייט פֿונ׳ם מחבר, אויך וויכטיגע מאָמענטען. נאָר די וויכטיגע, ווי די נישט וויכטיגע, געהען דורך אַליין, אָהן הקדמות און הכנות, אָהן ערקלערונגען און נאָכווערטער. און אַזוי אַרום ווערט דאָס געשילדערטע פֿאַר אונז אַזוי געזעצליך און נאַטירליך און מיר זעהען מעהר פֿון אַלעס און דער עיקר די

געשעהענישען און ווייניגער פון אלעם דעם מחבר. און מיר קענען נאר פרעגען: פארוואס, אייגענטליך, האט ער פון די געשעהענישען ביי די געשילדערטע דורך איהם מענשען ארויסגעהאפט די מאמענטען, און אנדערע, אפשר אויך אזוינע וויכטיגע, איז ער פארבייגעגאנגען און זיי דורכגעלאזט?

בכלל, האט בערגעלסאן נישט ליעב נאכגעהן אין מיטגעהן זיינע מענשען, נאכגעהן און נאכדערצעהלען וועגען זיי.

ער איז בנוגע צו דעם לעבען פון די מענשען אין „נאך אלעמען“ אביעקטיוו, אויף וויפיעל ער זאגט זיי נישט אונטער קיינע ווערטער און פיהרט זיי נישט צו וואסער ס'איז איהם געוואונשטען ציעל. ער איז אבער סוביעקטיוו, וואס ער קוקט מיט'ן אייגענארטיגען קוק אויף די מענשען און זייער'ע טהאטען, און דער טאן, וואס ער דערצעהלט וועגען יעדען פון זיי, איז שוין אנ'אייגענער און ווענדט זיך שטארק אן זיין בעציהונג צום מענשען, וואס ער שילדערט, און צו די סצענקעס, וואס ער קלויבט אויס ארויספיהרען אין זיי די מענשען.

ער האלט נישט די מענשען אין זיין רשות, ער איז זיי נישט קיין מורה דרך; זיי לעבען זיך אויף זייער אייגענעם שטייגער, לויט זייער אייגענעם ווילען און בעדערפעניששען. אבער די סימפאטיע, אבער אנטיפאטיע פון בערגעלסאנען בנוגע צו דעם, אדער יענעם טיפ לאזט זיך שיין באלד פיהלען פון דער ערשטער בעגעגעניש מיט איהם. ער גיעט איבער וועגען זיי, דערצעהלט וועגען פערשיידענע פאסירונגען און צוזאמענשטויסונגען אין זייער לעבען, און מיר פיהלען ערטערווייז א בעוואוסטזיניגען פערשוויינען, דאס פערגלעטען פון שוואכע זייטען אין זייער האראקטער און נארישע ארויסטרעטונגען אין זייערע בעציהונגען מיט מענשען. אמאל אבער פערקעהרט טייטעלט בערגעלסאן און שטרייכעלט אונטער, בשעת'ן דערצעהלען וועגען זיי, נארישעס און לעכערליכעס, צו וועמען ער בעציהט זיך פון אנהויב אן נישט איבעריג גוט.

און אין דעם הינזיכט קומט פאַר אינטערעסאַנטס:

די מענשען בעקומען אין אונזערע אויגען, אין דעם ווייטערען גאַנג פון דער ערצעהלונג, אַנ׳אַנדערען אויסזעהן, און מיר בעקומען דורך דעם אַנ׳אַנדער פאָרשטעלונג און מיינונג וועגען זיי, ווי בערגעלכאָן אַליין האָט פון אָנהויב אָן וועגען זיי געטראַכט און אונז געוואָלט איבערגעבען. דער קינסטלערישער אמת בעזיעגט אַפטמאָל די בערוזעגליכע סימפּאַטיע פונ׳ם מחבר, און דער מענש ווערט אָפט געטריבען מעהר פון זיינע אייגענע מעגליכקייטען און איינגעשאַפטען, איידער דורך דעם ווילען פונ׳ם מחבר. עס קומט פאָר ווי אַ בעהאַלטענער קאַמף צווישען דעם מענשען און דעם מחבר: דער העלד רייסט זיך בעוויינזן זיך אַליין, ער לאָזט ריידען זיינע אייגענע טהאַטען, דורך וועלכע עס טרעטען אַרויס צום בעסטען זיינע איינגעשאַפטען. צו וועלוויל בורנעס׳ן האָט זיך בערגעלסאָן צוערשט נישט איבעריג גוט בעצויגען, ער האָט וועגען איהם פון אָנהויב אָן לעבערליכע מעשיות איבערגעגעבען און געוואָלט איהם מאַכען אַ פּשוט׳ען און אומגעלומפּערטען נפש אַרויסשטעלען. אָבער מיט דער צייט טרעפען מיר זיך פיעל מאָל מיט וועלוולען אַליין, איהם מיט זיין בעזונדערען כאַראַקטער, מיט זיין בעזונדערען בענעמען מענשען און געשעהענישען און בעזונדערען בעציהען זיך צו אַרומיגע, און בערגעלסאָנ׳ס ערשטע אַטעם־טאַציע וועגען איהם נעמען מיר נישט אָן אינגאַנצען. מיר מערקען שוין אין דעם ווייטערדיגען גאַנג פון בוך, ווי וועלוויל האָט דערום מורא פאַר בערגעלסאָנען, פלייסט זיך אַרויסדרעהען פון זיין אויג און אויער. בעמערקט ער נאָר בערגעלסאָנס אָנקומען, אַזוי איילט ער אַוועקפאָהרען. באַלד וואַקסט אויס די פוהר. זיינע און מיר זעהען איהם נאָר אין זיין וועג־חאַלאַט און באַלד דעם שטויב פון דער פערשוואונדענער פוהר.

עפּיס ערהליכם איז פאָרגעקומען מיט מאָנטשיק זיידענאָווסקי׳ן. בערגעלסאָנען ווילט זיך אַלץ איהם פערטרויען מירעלען

און ער וויל אַליין ווי בעסער איהם פאַר אונז אַרויספיהרען. אָבער אָט דער צעטראָגענער בחור מיט דעם מבולבל'ען מח קען נישט בשום אופן זיך אויף אַ ווײלע קאָנצענטרירען און דורכקלערען אָדער דורכפיהלען אַ זאַך. און וויפיעל בערגעלסאָן וויל איהם נישט אויספײַנען, איז זײַן קאָפּ אַליין פערטומעלט און נישט מירעל און ניט מיר קענען איהם מעהר ווי אַ ביסעל אַבטונג נישט שײַנקען.

עס העלפט נישט בערגעלסאָנען זײַן גוטער ווילען, זיין געשעהענישען בײַ זײַנע מענשען רײַדען בײַ איהם מעהר, ווי ער אַליין, און טוען זיך זײַער אַרבײַט.

אָדער עס טרעפט זיך אַזוי אָפּט, אַז מירעל בעהאַלט זיך פון בערגעלסאָנס אויג, עפּיס טוט זיך אין איהר לעבען, מיר פיהלען, אַז עס קומען=פאָר בײַ איהר פערשיידענע סצענעס, וועגען וועלכע מיר ווײַסען נישט און, דוכט זיך עס ווײַסט בערגעלסאָן אויך נישט, נאָר ער שטויסט זיך אָן און פיהרט אַרויס פון מירעלעס אויסזעהן. עטליכע טעג פערשוואונדט מירעלע אינגאַנצען פון אונזער אויג, עפּיס טוט זיך אָבער פאָרט בײַ איהר, עפּיס וואָס נעמט זי פאָר, ערגיץ=וואו געהט זי און צום סוף בעגעגענט זי בערגעלסאָן צופעליג און אומגעריכט, און ער דערצעהלט אונז: „זי איז געגאַנגען מיט אַ דאַמע אַ ברונעטין, וועלכע האָט אויסגעזעהן מיט אַ פינף=זעקס יאָהר עלטער פון איהר, אַ פּנים, איהר געשוועסטערקינד, אידאַ שפּאָליאַנסקי, איז דאָס געוועזן“ און ער גיעט צו וועגען מירעלען: „איהר פיגור האָט אויסגעזעהן אַזוי פער'עקשנ'ט און שטרײַנג. און דערצעהלט האָט זי אָהן לשון וועגען איהר, דער בת=יחיד'יש=אומגליקליכער: זי האָט טאַקי נישט קײַן אָרט אין לעבען, נאָר זי איז אָן עפּיס אײַנגעשפּאַרט און האָט נישט קײַן רחמנות ניט אויף זיך און נישט אויף קײַנעם“.

און מיר ווערען שוין שותפים צו דער „מעשה=יצירה“ פון דעם לעבען און זײַנען שוין שטיקער עדות, ווי דער מחבר אַליין, צו

דעם, וואָס עס טוט זיך בײַ אָט די מענשען און מיר קענען אַליין שאַפען ווײַטער, שאַפען און דערשאַפען, אַ דאַנק דער פאָרשטעלונג, וואָס מיר האָבען וועגען דעם לעבען פון די מענשען.

דאָס גאַנצע בוך, דאָס לעבען אין בוך דרעהט זיך, אייגענטליך, אַרום איין מיטעלפונקט, אַרום מירלען, און די מענשען אין „נאָך אַלעמען" ווערען געגעבען אויף וויפיעל זיי האָבען אַ שייכות צו איהר. עס שילדערט זיך איהר אייגען לעבען, ווי אַזוי עס געהט זיך, עס זײַנען נישטאָ קיין אָנגעצויגענע סצענעס, קיין ספּעציעל געקינסטעלטע געשעהענישען. איז דערום ערטערווײַז נישטאָ אין „נאָך אַלעמען" קיין איבעריגע האַנדלונג און עס איז נישט דראַמאַטיש. און אַזוי אָפט פערגעסט זיך שוין דאָרט דער ליטעראַט, און בערגעלסאָן ווערט געצויגען פון אינערליכער איבערגעגעבענער מיטגעפיהל־ליעבע צו מירלען און צו אַלעם, וואָס מיט איהר, און עס ווערט שוין גאָר דאָס בוך פון מירלען, מירעלס בוך. און צו די איבעריגע מענשען, וואָס אין בוך, איז בערגעלסאָנס בעציהונג, אייגענטליך, מירעלס בעציהונג.

און אויך די געשעהענישען, וועלכע ווערען דורכגעפיהרט אין בוך קומען נישט צוליעב זיך, אין זייער גאַנצער גרויס און ברייט. פון די געשעהענישען ווערען געגעבען שטיקלעך, אייגציגע זײַטען, אויף וויפיעל עס מערקט זיך אין זיי עפּיס וואָס האַראַקטעריסטישעס פאַר די געשילדערטע טיפּען און איבערהויפּט וואָס געהערען צו מירלען. די געשעהענישען ווערען נישט געגעבען אינגאַנצען, פונקט ווי די מענשען, וואָס בערגעלסאָן פיהרט דורך, האַפּט ער נאָר זײַטען אין זיי, די עיקר־שטריכען, ווי אויך ער מאָלט נישט די נאַטור מאָלען לשם מאָלען, נאָר אויף וויפיעל זי איז אייגג געבונדען און שאַפט זיך אין דער שטימונג בײַ די מענשען אין דעם אָדער יענעם מאָמענט.

דער „נאָך אַלעמען" בעשטעהט דורכאויס פון סצענעס. דאָס רוב זײַנען דאָרט בילדלעך, אייגציגע, ווי אָפּגעריסענע איינס פון

דעם צווייטען. גאנצע בילדער, וועלכע נעמען ארום א שטיק געשעהעניש און שילדערען אויספיהר[illegible] מיט ברייטקייט, זיינען פאראן געציילטע: דער אוועגד ביי טאראביי׳ען, דער קנס־מאל, דער שבת צו־נאכט ביי די זיידענאָויסקי׳ס. אויסער דעם זיינען אלץ קליינע סצענקעס, קליינע, אבער זעהר לעבעדיגע, רעליעפע און ווי אויס־געטאקטע, און יעדע פון זיי זאגט פיעל און גיעט צו עפיס נייעס צום ראמאן, צו דער חאראקטעריסטיק פון מירלען און פון די ווייטיגע מענשען. אפטמאל פיהרען זיך דורך אייניגע סצענקעס, כמעט אומבעוועגליכע, וועגען מירלען, אבער די שטימונג, די אינ־טימע שטילע שטימונג הערשט איבער זיי אלע. און מאדנע: ווי סצעניש עס איז נישט דער ראמאן, אבער עס פעהלט אין איהם דער דיאלאג. בערגעלסאָגס מענשען רעדען, שמועסען צווישען זיך זעהר ווייניג. קיין געשפרעכען זיינען אין „נאך אלעמען“ אינ־גאנצען נישטא, עס ווארפט זיך נאר דורך אין דעם המשך פון דעם ראמאן א חאראקטעריסטיש ווארט אדער א פראזע פון דעם מענשען. און דא דערגרייכט בערגעלסאן וואונדערבארס. דאס ארויסגעזאגטע ווארט איז זעהר לעבעדיג און אויסגעטאקט.

אין „נאך אלעמען“ געהט איבער אלעס דורך שילדערונגען־געשעהענישען, דאס געטועניע ווערט דורכגעפיהרט דורך בעוועגונגען און לעבעדיגע מעשים. אבער אין קיין ארט פערלירט זיך נישט די פערזענליכקייט אין די געשעהענישען־מעשים, נאר די געשעהענישען געהען דורך ווי זיי ווערען אפגעשפיגעלט, ווי זיי זעהען אויס דורך דער פריזמע פון דעם מענשענס חאראקטער און פסיחיק. אויב פיעל מאל איז פון א גאנצער ערשיינונג פאראן נאר איין זייט, פון דעם גאנצען קנויל־געשעהענישען ווערט ארויסגע־צויגען איין פאדים, איז עס דערפאר, וואס בערגעלסאנס מענשען טרעטען אויף איין ווייטע נישט אפ פון זיך און קענען נישט זעהן וואס עס איז אויסער זייער אייגענעם „איך“. גלאט געשעהענישען אדער גלאט צוזאמענשטויסונגען, וואו דער מענש איז א ביי־זאך,

א צוגעשטעלטע פיגור, אזוינע געשעהענישען זיינען ביי בערגעלסאָנען נישטאָ. די געשעהענישען, ווי די נאַטור ביי בערגעלסאָנען, זיינען שטענדיג דער טפל, דאָס צוגעגעבענע צום טיפ, און דער טיפ בענעמט זיי נישט אינגאַנצען אין זייער גאַנצער גרויס, זיי חאַפּען אין די געשעהענישען אַ ווינקעלע, וואָס אַרט זיי און אינטערעסירט זיי.

און נישט צופעליג איז, וואָס ביי בערגעלסאָנען איז נישטאָ די איצטיגע ווירקליכקייט, הגם זיין שרייבען איז אמת'ער ריאַליזם; נישט צופעליג, וואָס עס פעהלט דאָס טאָג-טעגליכע געגענוואַרט-לעבען, הגם עס זיינען דורכאויס סצענעס פון דער היינטיגער צייט.

דער טיפ ווערט געגעבען פריהער פון אַלץ אַליין, ווי אָפּגעטיילט און אויסגעשלאָסען פון געזעלשאַפטליכער טענדענץ און געזעלשאַפטליכער פובליציסטיק. און געוויס וועט דאָס געזעלשאַפטליכע, דאָס געזעלשאַפטליכע אין זיינע הוילע פאָרמען, נישט פערנעמען קיין אָרט אין בערגעלסאָנס שאַפונג. ווייל אויך אין דער געזעלשאַפטליכער פיגור זעהט ער פריהער פון אַלעס און הויפּטזעכליך זיין אינטימע וועלט, זיין פסיחיק, די קנייטשען פון זיין אינערליכען לעבען, אָט דאָס, אייגענטליך, וואָס בעזונדערט איהם אָפּ פון דעם כלל-טיפ. בערגעלסאָנס מענש, הגם ער איז אַ לעבעדיגער מענש פון לעבען, פון געזעלשאַפט, אָבער ער איז אָפּגעשיידט פון דער געזעלשאַפט. און אַזוי איז נישט נאָר מירעל, נאָר אַלע איבעריגע אין „נאָך אַלעמען". ליפּקים איז נישט דער חאַראַקטעריסטישער סטודענט, ווי מאַנטשיק זיידענאָווסקי איז נישט דער חאַראַקטעריסטישער ציוניסט, אָבער זיי ביידע זיינען דאָך חאַראַקטעריסטיש, יעדער פאַר זיך.

נישט ער פליסט זיך צוגעהן דורך דעם פסיחאָלאָגישען אַנאַליז פונ'ם מענשען צו זיין געזעלשאַפטליכער פיזיאָנאָמיע, און נישט

די געזעלשאַפטליכע פיזיאָנאָמיע פונ׳ם מענשען דיענט איהם פאַר אַ בעווייז צו זיין אינערליכער וועלט. פון דער גאַנצער גרויס און ברייט פונ׳ם מענשענס לעבען און שטרעבען, פון דעם גאַנצען סכום פון זיין וועלט־אַנשויאונג, בעגייסטערונג און שטרעבונג, בעמערקט ער, אָדער ריכטיגער, האַפּט ער איינינגע שטריכען, וועלכע ליגען, אפשר, בעהאַלטען פונ׳ם אויג, אָבער זיי זיינען זעהר כאַראַקטעריסטיש און, ווען זיי ווערען בעוויזען, קען מען זיי שוין נישט אָפּטיילען פונ׳ם מענשען. און אָהן קיין ספק, אַז דער זעלבער מענש, וועגען וועלכען מיר ווייסען דורך בערגעלסאָנען איינינגע שטריכען, וועט גאַר אַנדערש אויסזעהן, גענומען דורך דער פריזמע פון אַן׳אַנדער שרייבער.

בערגעלסאָנען פעהלט אינגאַנצען די רוהיגקייט, הרחבת־הדעת און פערזיכערקייט, בנוגע צו זיינע מענשען.

ער איז צופיעל קאַפּריז צו זיי און איהם פעהלט די רוהיגע בעציהונג צו זיי און זייערע מעשים. ער וויל נישט וויסען וועגען אַלעס, וואָס עס טוט זיך מיט זיי, ווייסט נישט און וויל נישט וויסען אינגאַנצען דעם מענשען. ער געהט קיינמאָל נישט אָפּ פון זיך און־זיך איבערגעבען אינגאַנצען דעם טיפ און זיין וועלט. און ווען מיר זעהען ביי בערגעלסאָנען דעם מענש און הערען איהם, זעהען מיר און הערען איהם דורך בערגעלסאָנס אויג און אויער.

ער פיהרט דורך דאָס, וואָס ער זעהט און וואָס ער רעכענט, אַז ס׳האָט די ווערט דורכגעפיהרט צו ווערען. טראָגט שוין יעדעס בילד׳ל אינ׳ם בוך אָט דעם טאָן, דעם אייגענאַרטיגען לייט־טאָן פון בערגעלסאָנס מוזע. עס דוכט זיך, אַז זי איז אַ ניכטערע, מיט קלאָרע בולט׳ע פאַרבען, אָבער עס איז אויפגעצויגען אויף זיי אַ דין הייטעל, און אין די פעסטע קלאַנגען הערען מיר אָהן אויפהער אַ שטילען אייגענאַרטיגען צושפיעל און נאָכשפּיעל.

מיר פיהלען אין זיין דערצעהלען און אין דעם הארציגען טאן גלייכגילטיגע בעציהונג און הייסען מיטגעפיהל, קאלטען ווילען צו פערשטעהן און בעגייסטערטע אנטציקונג: אז מען וויל איז דאך דער מענש אזוי קליין, נישטיג, און אלעס, וואס ער טוט, איז אזוי נאריש און איבעריג. און צוריק, האט דאך יעדער מענש אזוי פיעל לייידען און פרייידען, הארץ-רייסעניש און אינערליכע הארה, וואס רופט ארויס ביי איהם שטארקען מיטגעפיהל.

דער מענש איז קליין און נאריש מיט זיינע פערלאנגען און שטרעבונגען, ער איז זעהר לעבערליך אין זיינע בעגעגענישען מיט מענשען, אבער ער ציהט צו מיט זיין אייגענארטיגער וועלט און בעהאלטענער שעהנקייט, מיט דעם סוד פון זיין לעבען, וואס איז אנגעצייכענט אהן זיין וויסען און אזוי אפט געגען זיין וויסען.

ביי מירלען ווי אויך ביי וואווע בורנעס'ן, שמואליק זיירענאווסקי'ן, דער אקושארקע שאץ, מאנטשיק, דעם פאעט הערץ איז פון לעבערליכע צושטאנדען צו טראגישע מאמענטען נאר איין טריט. אויב אין בעגעגעניש מיט'ן צווייטען איז דער מענש אפטמאל נישטיג און נאריש, איז אבער, ווען ער בלייבט מיט זיך אליין, מיט זיין אינערליכער וועלט, אינטערעסאנט, אייגענארטיג אינטערעסאנט.

עס איז נישטא קיין שלעכטס, נישטא קיין גוטס, וואס קומט פון אויסען, פון זייטיגע סבות; דער מקור פון אלעס איז אין מענש אליין, אין זיין כאראקטער און בוי פון זיין גאנצען וועזען; די יסורים וואס קומען אויף איהם, ברייינגט זיי קיינער נישט, זיי קומען אן אליין, זיי ווערען ארויסגערופען און ציהען זיך פון דעם מענשענס אינערליכען לעבען, — דאס איז דער אנהויב און סוף ביי בערגעלסאנס טיפען.

נישטא וועמען צו בשולדיגען: קיינער איז דא נישט שולדיג, אדער אלעס איז שולדיג.

בערגעלסאָן שמועסט נישט און ערקלערט נישט. פאַראַן שרײַבער, וועלכע האָבן פריהער דעם געדאַנק, די פּראָבלעם און זײַ קלײבען־צו מענשען, געשעהענישען און צוזאַמענשטויסונגען דורך וועלכע אַרויסצופיהרען דאָס געוואונשטע. איז מעהר ווי עס רײדען די געשעהענישען, געבען צו הערען דערפון די פּערסאָנאַזשען. און כדי וואָס שטאַרקער לאָזען פיהלען די פּראָבלעם, ווערען אַרויס־געפיהרט מענשען מיט געגענשפּרעכענדיגע כאַראַקטערען, וועלכע רופען אַרויס שטענדיגע רײַבונגען און אין דעם שפּיגלען זיך אָפּ די פערשײדענע זײַטען פו מאָראַל, געדאַנק און לעבענס־אידעען. אין אַזוינע ביכער איז שטענדיג פאַראַן אײן פּראָבלעם. אין „נאָך אַלעמען“ ווערט נישט דורכגעפיהרט קײן פּראָבלעם. עס זײַנען נישטאָ דאָרט קײן אָנגעשטויסענע כחות, און נאָכמעהר: עס ווערט ווי פאַרבײַגעגאַנגען צוזאַמענשטויסונגען, יעדערער פלײַסט זיך אויף וויפיעל ער קען נאָר נישט שטערען דעם צווײטען, יעדערער האָט זיך א אונטער־וועג׳ל, וואוהין ער רוקט זיך אָפּ, ווען דער צווײטער שטעהט איהם אויף זײַן וועג. נישטאָ קײן אײן פּראָבלעם, עס זײַנען פאַראַן פיעל פּראָבלעמען, וועלכע שווימען אַרויס אינ׳ם גאַנג פון די געשעהענישען און שאַפען זיך דורך דעם לעבען אין בוך.

עס איז נישטאָ קײן אויסערגעוועהנליכס און עס ווערט נישט געטײַטעלט אויף דאָס טראַגישעס. דער עיקר טראַגיזם איז גראָד אין דעם געוועהנליכען, און אָט דאָס געוועהנליכע רײַסט אַזוי בײַ דער נשמה און אלע, אי די מענשען פון ראָמאַן, אי מיר, די לעזער, וואָלטען אַזוי געוואָלט, עס זאָל אויסברעכען עפּיס־וואָס אויסערגעוועהנליכס, וואָס אויב עס קאָן נישט פערבעסערן דאָס לעבען, זאָל עס כאָטש איבעראַנדערשען.

און דאָס איז דער סוד פון אמת׳ער שאַפונג, וואָס פון געוועהנליכס לעבען ווערט געשאַפען עפּיס אויסערגעוועהנליכס. אין דאָס קלײנע, נישט־וויכטיגע ליגט גרויסעס, שטענדיגעס.

ווײַל צוזאמען מיט די געשעהעניִשען קומען ארויס זייערע אָפּקלאנ־ גען, צוזאמען מיט די מענשען—זייערע שאטענס. יעדע קליינע מעשה ווערט בעגלייט מיט איהר נאָכקלאנג, און דער דומם הויבּט אָן ריידען. און עס מישען זיך צונויף ווירקליכקייט און אָפּקלאנג, געשעהעניש און שאטען.

און מיר אליין בעמערקען שוין נישט, ווען פון דאָס צופעליגע וואקסט אויס עפּיס אייביגעס, און פון דאָס רעאלע סימבּאָלישעס.